בס"ד / שנה ו' / פרשת בשלח / נומער 300

# ברעסלב

**שלש מאות**
אברהם הערש וועבערמאן

**זעלטענע ווינטער שטורעם**
אמעריקאנע נייעס

**קאלקולעטאר**
אלץ און אלעמען

**ברסלב'ע מצה בעקעריי**
עירנו

**יום הולדות רבי נתן זי"ע**
א בריוו פונעם ראש ישיבה



## אילן אילן במה אברכך

**שכח אייבערשטער - דערגרייכט 300 בלעטלעך**

לכבוד דעם דריי הונדערסטן בלעטל זעצן מיר זיך אראפ מיט די שרייבערס און גרעפיקערס פונעם בלעטל, הערן פון זיי ווען זיי האבן אנגעהויבן אט די ארבעט און וויאזוי די ארבעט גייט צו אויף א וועכנטליכן פארנעם.

אוצר ירושה

עלעפטע הילולא קדישא פון הייליגן מוהרא"ש זכותו יגן עלינו
יארצייט סעודה קומענדיגן דינסטאג נאכט

Valley Terrace 121 College Rd, Monsey, NY 10952

**בס"ד**

פרשת
בשלח
תשפ"ו

**נומער**
**300**

שנה ו'


| | |
|---|---|
| **04** | שער בלאט |
| **06** | וועלטליכע נייעס |
| **08** | קהילה נייעס |
| **10** | עירנו |
| **12** | אלץ און אלעמען |
| **13** | אווארט צווי |
| **14** | הילולא קדישא |
| **16** | א בריוו פון ר"ו |
| **18** | פשרה'לאך |
| **20** | א מעשה פון א צדיק |
| **22** | 300 |
| **47** | געשעענישן |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס..

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**

צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל: 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

## מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל:

צו געבן פאר עניים און הונגעריגע עסן און טרינקען, איז די גרעסטע צדקה וואס קען נאר זיין. אזוי ווי חז"ל זאגן (בבא בתרא ט) אין בודקין למזונות; דאס מיינט אז ביי אלע צדקות קען מען פאפן מענטשן, אבער ווען עס קומט א צו געבן עסן פאר אידן, קען מען נישט אויספאפן, ווייל ווער עס איז הונגעריג וועט קומען און עסן, און ווער עס איז נישט הונגעריג וועט נישט עסן. וועגן דעם איז נישטא א גרעסערע צדקה ווי געבן עסן און טרינקען פאר הונגעריגע אידן.



קרן הבנין

# הדבק במידותיו

יעצט ביומא דהילולא פון מוהרא"ש זצ"ל
שליסט אייך אן אינעם קרן הבנין קאמפיין!

*sruliHeskel

# שער בלאט

ראדאקטארישע
אריינפיר
צום בלעטל

**אברהם הערש וועבערמאן**

# שלש מאות

מה נאמר ומה נדבר, יעצט ווען מ'איז אנגעקומען צום בלעטל נומער 300, שרייט זיך ארויס פון טיפעניש פון הארץ א הילכיגן "שכח אייבערשטער" אז מ'איז אנגעקומען ביז אהער, ארויסצוגעבן 3-0-0 בלעטלעך, אנגעפולט מיט אמונה'דיגע ליין מאטריאל פאר די גאנצע משפחה. און ביי דעם געלעגענהייט בעטן מיר דעם אייבערשטן אויף ווייטער, מ'זאל האבן די זכי' ארויסצוגעבן אויף א וועכענטליכע פארנעם כשר'ע אויסגעהאלטענע ליין מאטריאל, וואס געט חיזוק אויף אמונה, תורה, שידוכים און אזוי ווייטער, אויף אלע עצות פון הייליגן רבי'ן.

לכבוד דעם 300'סטן בלעטל האט אונזער חשובער שרייבער מו"ה אליעזר זוסיא ווערטהיימער הי"ו זיך ארויפגעשארט די ארבעל, און זיך אראפגעזעצט מיט די מיטגלידער פונעם בלעטל, וואס שטעלן אהער כסדר הערליכע ארטיקלען, גרעפיקס און אזוי ווייטער, צו הערן פון זיי א פונקטליכע באריכט וויאזוי די ארבעט גייט צו פון אנהייב ווען עס הייבט זיך אן וועבן א געדאנק, ביז ווען מ'זעט עס שיין געשריבן אינעם בלעטל גרייט צו ליינען. ליינט און האט הנאה.

ווי איר זעט האבן מיר ברוך השם צוגעלייגט שיינע נייע קאלום'ס ביי "קינדערהיים", א קאלום פון "יארצייט פון די וואך" ווי עס ווערט שיין באשריבן א מעשה פון א צדיק וואס די יארצייט געפאלט יענעם וואך. אזוי אויך האט מען צוגעלייגט א קאלום שקורין "היימיש" א מעשה פון עלטערע מיידלעך, מעשיות וואס ווייזט א וועג מיטן הייליגן רבינ'ס הקדמות וויאזוי מ'באקומט גוטע מידות.

און צום לעצט האבן מיר ברוך השם אהערגעשטעלט א הערליכע נייע קאלום מיטן נאמען "טרעפליך" א געמאלענע בילד, וואס האט אין זיך אסאך אויף וואס צו קוקן און באטראכטן, ווי אויך דארף מען טרעפן געוויסע שפילצייג 3 מאל, געמאלן דורך ר. וועבערמאן תחי' תלמידה בית פיגא קרית ברסלב פון די עלטסטע קלאס.

אויך האבן מיר די וואך הערליכע בילדער ביים "חמשה עשר פארמעסט" וואס די חשובע קינדער האבן אריינגעשיקט. געט א קוק דערויף און שיקט אריין צו די רעדאקציע וואס איז לויט אייער מיינונג די שענסטע בילד.

"אינדערהיים" האט זיך אנגעהויבן א נייע פארזעצונג מיטן נאמען "ווער בין איך" גאר א אינהאלטסרייע און ציענדע מעשה, וואס ברענגט ארויס די שטארקייט פון א בחור און א מיידל וואס האבן זיך נישט געלאזט פאלן אין די שווערסטע מצבים פון זייער לעבן.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארבעט מען כסדר אויף נאך און נאך נייע געדאנקען צוצולייגן צום בלעטל, כדי די ליינער זאלן הנאה האבן און זיך אנפילן מיט גוטע ערליכע חומר.

צום שלוס קען מען נישט אויסלאזן צו רעדן אונזער שייכות מיטן פרשה. אונזער זאך איז תמימות, גלייבן אז ס'איז נאך דא היינט צדיקים וואס קענען אונז העלפן בגשמיות וברוחניות, און נישט אויסהערן די וואס זאגן אז היינט איז שוין גארנישט דא רחמנא לצלן.

וועגן דעם האט דער אייבערשטער נישט געוואלט אידישע קינדער זאלן אדורכגיין אין מדבר די לאנד פלשתים וואס זענען פשוט געווען לצים - חוזק געמאכט פון משה רבינו. דאס איז א שטארקע לימוד וואס מ'דארף געדענקען פאר אלע דורות ביז משיח'ס טאג.

*ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים*

הער א
מעשה

# דאס טשעקל איז אליינס געקומען!

דער גבאי פארציילט: געלויבט דעם אייבערשטן האב איך געהאט א פיינעם גוטן קאסטומער וואס האט פארמאגט זיין ביזנעס בערך א שעה און א האלב פון שטעטל. אלס פלעגן זיי גראד באצאלן פאר די סחורה. לעצטנס האבן זיי זיך עפעס איבערגעמאכט און זיי זענען מיר געווען שולדיג א גרויסע סומע געלט און וויפל איך האב געשיקט אימעילס האבן זיי זיך נישט צוטון געמאכט... האב איך מחליט געווען איין טאג אז איך וועל אהינפארן צו רעדן מיט זיי אבער פארן ארויספארן האב איך זיך פארגענומען אז קודם גיי איך גיין אין אפיס און ארבעטן פאר רבי מאיר. צען מינוט שפעטער האב איך באקומען א טשעקל אויף אימעיל!




**ווייל ישועות פועל'ט מען ביי רבי מאיר.**

די ישועות קוואל איז אפן:

**רופט דער גבאי**

347 466 2410

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

ישועות ביי רבי מאיר

*sruliHeskel

# וועלטעלע




## גרעסערע שטייער בענעפיטן
## פאר ניו יארקער גרויסע משפחות

"אהוי, נאך א בעיבי נאך א בעיבי, נאך א בעיבי נאך א בעיבי, נאך א אינגל נאך א מיידעלע." פאר אידישע קינדער פעלט נישט אויס צו אונטערקויפן מען זאל זיך פרייען מיט יעדע קינד וואס קומט אראפ אויף דער וועלט. ביי אונז רופט מען א גרויסע משפחה "א קינדער געבענטשטע" פאמיליע. די גרעסטע ברכה ביי אונז איז זוכה צו זיין אראפצוברענגען נאך א נשמה'לע אויף דער וועלט. דאס איז נישט ווייל די רעגירונג טיילט מוציא'ס לויט די קינדער, דאס איז ווייל אזוי קען מען מפרסם זיין דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף דער וועלט. מען איז מחנך די קינדער צו וויסן אז איין באשעפער האט באשאפן די וועלט, און נאר צו אים קען מען זיך ווענדן.

אין די וועלט וואס לעבט נעבעך נישט מיט קיין צדיק, מען לעבט נישט מיט'ן אייבערשטן. דער שכן אדער דער צייטונגס שרייבער איז דער וואס איז קובע וואס איז שיין, און וואס איז מיאוס, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט. דארט קוקט מען נעבעך אן ווי א "נעבעך" דער וואס דארף "נעבעך" אויפציען אזוי פיל קינדער, זיי וואונדערן זיך "אויף וועמענ'ס חשבון?!", אבער עס איז א שאד יעדעווארט זיך צו טענה'ן מיט זיי. בשעת מיר לעבן יעדן טאג אזא שיינע לעבן מיט א ווייב און קינדער.

און וויבאלד "יעדער" קוקט אן קינדער ווי א זאך וואס שטערט הנאה צו האבן פונעם לעבן, זעט מען ווי אין דער אלגעמיינער וועלט, האט מען קוים חתונה, און ווען שוין יא איז עס ביי די דרייי און פערציג, און מען האט איינס און א האלב קינד מיט א הינטל. דאס איז גורם אז די מערב וועלט פאפולאציע שרינקט כסדר מער און מער, און די רעגירונגען זענען אובד עצות, וויאזוי מען קען מוטיגן מענטשן צו האבן קינדער.

איינע פון די וועגן וואס זיי האפן וועט העלפן, איז "קינדער געלט". פילע מערב וועלט לענדער געבן גרעסערע סכומים געלט פאר משפחות מיט קינדער, אין א פרואוו צו שטופן מענטשן צו אויפבויען משפחות.

דאס ברענגט אונז צו די היינטיגע נייעס, אז די איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט וועלן לויטן פלאן באקומען גרעסערע סכומים קינדער געלט אין פארם פון שטייער קרעדיטס אין די קומענדיגע חדשים. פאר אסאך משפחות, בפרט קינדער געבענטשטע פאמיליעס, קען דאס זיין א שטיקל הילף בסייעתא דשמיא אין א צייט ווען זאכן זענען טייער.

דאס זענען די בערך'דיגע שטייער בענעפיטן וואס מען קען ערווארטן:

פעדעראלע קינדער שטייער קרעדיט (Child Tax Credit)

די וואס צאלן שטייערן, קענען צוריקבאקומען א מאקסימום פון $2,200 פער קינד (אונטער 17).

$1,700 דערפון איז ריפאנדעבל (דאס מיינט מען באקומט עס אפילו מען צאלט נישט קיין שטייערן בכלל).

פעדעראלע אוירנד אינקאם טעקס קרעדיט (EITC)

די מאקסימום האט זיך אביסל געהויבן דאס יאר:

- ביז $8,231 פאר משפחות מיט דריי קינדער אדער מער.
- $7,316 פאר צוויי קינדער.
- $4,427 פאר איין קינד.

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

גרשון קרעמער

- $664 אן קיין קינדער.

ניו יארק סטעיט - עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט

$1,000 פער קינד אונטער 4 יאר.

$330 פער קינד צווישן 4 און זעכצן יאר.

דער אייבערשטער פירט די וועלט, און ער שיקט שליחים אויף פארשידענע וועגן, מען זאל קענען לעבן מיט הרחבה און אויפשטעלן א שיינע אידישע שטוב.

צוזאמען מיט די נייעס דארף מען צולייגן א ווארענונג צו זיין וואכזאם, ווייל אין דער זעלבער צייט זענען לײדער דא מענטשן וואס גייען ארום, ספעציעל צו אינגעלייט וואס האבן נאך נישט געזונג ערפארונג, און זאגן זיי צו גאלדענע גליקן, און שלאגן פאר "שנעלע אינוועסטמענטס" מיט "זיכערע פראפיטן" פון וואס מען קען "שנעל ווערן רייך". און דאס איז מעשים בכל יום אז מענטשן ווערן איבערגערעדט און געבן ארויס זייער אפגעשפארטע געלט, און טרעפן זיך דערנאך נקי מכל.

וואס איז די ריכטיגע זאך צו טון מיט די געלט. די ערשטע זאך איז אפצוצאלן חובות. דער רבי' האט געזאגט אז מען קען נישט זיין אן ערליכער איד ווען מ'איז שולדיג געלט פאר א צווייטן. דערנאך דארף מען באצאלן דאס וואס מ'דארף אין שטוב, רענט, שכר לימוד, געבן מעשר אדער א חומש פאר צדקה. דער חלק געלט איז די בעסטע אינוועסטמענט. אז מען שטעקט אריין דאס געלט צו דרוקן הייליגע ספרים וואס זענען מפרסם אמונה, אויב מען לייגט אריין דאס געלט אין א תלמוד תורה און א סקול וואו מען איז מחנך דעם קומענדיגן דור צו דינען דעם אייבערשטן, די ריווח וואס מען נעמט ארויס דערפון בלייבט לנצח נצחים.

נאכדעם אויב בלייבט נאך אלץ איבער עפעס, לייג עס אריין אין די "אומאן" ענוועלאופ. פארוואס זאלסטו דארפן בארגן און לעבן מיט א דאגה פון חובות? ענדערש לייג עס אוועק אויף די טיקעט און די בעט צו פארן צום רבי'ן און וועסט אזוי ארום זיין א גאנץ לעבן מיט'ן רבי'ן און זיך דערמאנען צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם גרויסן חסד אז ער האט אונז איבערגעלאזט א צדיק וואס פארשטייט צו אונז, און קען אונז צוריק ברענגען צום אייבערשטן.

### *צדקה תציל ממות*

## מעגא ווינטער שטורעם אין גרויסע חלקים פון אמעריקא

א זעלטן-ערנסטער ווינטער שטורעם האט זיך אראפגעלאזט פארגאנגענעם זונטאג, לויט די אינפארמאציע איז דאס איינע פון די גרעסטע ווינטער שטורעמס וואס מיר האבן געזען אין אונזערע געגנטער אין די לעצטע יארן. בערך א דריטל פון אמעריקא איז געווארן אפעקטירט, און בערך צוויי הונדערט מיליאן מענטשן האבן געשפירט די אפעקטן פון דעם שטורעם.

דער שטורעם האט זיך אנגעהויבן אן ערב שבת קודש אינדערפרי אין טעקסעס און איז געפארן קיין צפון-מזרח דורך א רייע סטעיטס. אין אונזער געגנט – ניו יארק און ניו דזשערזי – איז עס אנגעקומען זונטאג. דער שטורעם האט זיך אריינגעצויגן ביז מאנטאג צופרי, און ביי געוויסע פלעצער אפילו ביז מאנטאג נאכמיטאג.

אין דער זעלבער צייט איז געווען א שטארקע היי-פרעשור-סיסטעם אין קאנאדע וואס האט געברענגט גאר קאלטע, ארקטישע לופט צו אונזער ריכטונג. און אנגעהויבן פון פרייטאג צו נאכטס איז שוין געווען זייער קאלט אין אונזער געגנט, וואס האט געמאכט אז דער שניי איז געווען טרוקן און פאודערי, און נישט קיין נאסער, שווערער שניי. לויט די שאצונגען איז געפאַרן אין ניו יארק און ניו דזשערזי בערך צווישן צוועלף ביז אכצן אינטשעס שניי. די קעלט, זאגט מען, וועט זיך האלטן לכה"פ צען טעג, און מעגליך ביז צוויי וואכן, וואס מיינט אז דער שניי וועט זיך האלטן לענגער ווי געווענליך.

דער אייבערשטער וועלכער איז דער משנה עתים ומחליף את הזמנים, ער פירט די גאנצע בריאה, אלע שטערנס און פלאנעטן, און אין דער זעלבער צייט ווייסט ער אן יעדן ברעקעלע שניי פונקטליך וואו ער זאל לאנדן. יעדע סארט וועטער קומט פונעם אייבערשטן, און אלעס איז זיכער פאר אונזער טובה, אפילו מ'זעט עס נישט אייביג, דארף מען אבער וויסן אז דאס איז די בעסטע פאר אונז. זע צו ארויסנעמען די געשמאקקייט פון יעדן וועטער וואס איז נאר דא.

# קהילה נייעס




## דינסטאג יתרו - סעודות הילולא פון מוהרא"ש זי"ע

אנשי שלומנו גרייטן זיך בחדוא עילאה צום גרויסן טאג י"ז שבט, ווען עס פאלט אויס דער יארצייט פון אונזער גרויסן רבי מוהרא"ש זי"ע. ווי יעדעס יאר וועט מען אויסנוצן די געלעגנהייט צו שטיצן משאת נפשו, צו שטיצן דאס דרוקן און מפיץ זיין די הייליגע ספרים וואס ער האט געשריבן במסירת נפש פאר איבער פופציג יאר. די ספרים און קונטרסים וואס זענען מחי' אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט.

די הייליגע ארבעט ווערט אויסגעפירט דורך די איבערגעגעבענע און געטרייע קרן הדפסה, וועלכע שפארן נישט קיין פלאג און מיה צו ערמעגליכן אז די רייכע ירושה פון מוהרא"ש זאל ווייטער ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עז. דורך זייער ארבעט ווערט ווייטער פארשפרייט די הייליגע לימודים און עצות אויף אלע סארט וועגן, מען דרוקט קונטרסים, ספרים, גליונות און נאך פילע מיטלען, אלעס מיטן ציל צו פארשפרייטן פאר נאך מענטשן זיינע עצות און התחזקות.

קרן הדפסה וועט היי-יאר אפרעכטן דעם סעודת הילולא מיט א מסיבת הכרת הטוב קומענדיגע וואך דינסטאג פרשת יתרו, אין וועלי טערעס אין מאנסי.

די מסיבה וועט זיין א געלעגנהייט פאר אנשי שלומנו זיך צוזאמצונעמען לכבוד יומא דהילולא, זיך צו דערמאנען פון מוהרא"ש, און זיך אויפפרישן מיט זיינע עצות און זיינע ספרים.

פתיחת שערים איז 7:45. דער יושב ראש המעמד וועט זיין דער טאלאנטפולער אינגערמאן מו"ה אליעזר זוסיא ווערטהיימער הי"ו, וועלכער וועט פירן דעם אוונט מיט זיין געשמאקע שפראך.

דער אורח הכבוד וועט זיין דער דינאמישער רעדנער מו"ה מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו אום 8:30, וועלכער וועט אויפפלאמען די הערצער מיט זיין רעטארישער קראפט.

מען וועט הערן דעם דבר המוסד פונעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו, וועלכער וועט איבערגעבן א קורצע איבערזיכט וועגן די ארבעט פון קרן הדפסה, און די לעצטערע נייעס און פראיעקטן.

עס וועלן דערנאך געטיילט ווערן ווערטפולע פרסים פאר אלע תומכים, אלס א סימן פון הכרת הטוב פאר אלע שטיצער. ביים משא המעמד וועט מען הערן דברי התחזקות והדרכה פון ראש ישיבה שליט"א, וועלכער וועט ארומרעדן פון מוהרא"ש זי"ע וואס מען קען מיטנעמען פון אזא גרויסן הייליגן טאג, און ווייטער ממשיך זיין אויף דעם וועג פונעם בעל הילולא מוהרא"ש זיע"א.

ברכת המזון אום 10:45. א שיינע מתנה וועט צוגעטיילט ווערן פאר אלע משתתפים, א ווערטפולע מתנה פון קרן הדפסה.

*תאו והתכנשו להילולא קדישא*



## דעם רבינ'ס פייער ווערט אנגעצונדן אין קווינס

אין אן עקסלוסיוו שמועס וואס מיר האבן אפגעהאלטן מיט מו"ה מיכאל קאנדכאראוו הי"ו, האבן מיר באגעגנט א גאר דראמאטישע סיפור, וואס אנטדעקט אונז וויאזוי דער אייבערשטער פירט א מענטש אויף טריט און שריט, ביז ער האט אים געפירט צו טרעפן די עצות פון הייליגן רבי'ן.

ר' מיכאל דערציילט, אז ער איז א תלמיד פון דעם באקאנטן צדיק רבי יורם מיכאל אבארדזשעל זצ"ל. ביי פילע פון זיינע שיעורים פלעגט דער צדיק זייער אסאך מאל דערמאנען עפעס א צדיק מוהרא"ש. ער האט נישט געוואוסט ווער דאס איז, אבער די ווערטער וואס ער האט געהערט פון זיין רבי נאכזאגן פון מוהרא"ש האבן אים גערירט זיין הארץ און האבן זייער געמאנט.

ר' מיכאל האט אנגעהויבן זוכן מוהרא"ש'ס ספרים. און ווען ער האט ענדליך געטראפן די ספרים און אנגעהויבן צו לערנען דערין, האט ער תיכף געשפירט אז דאס זענען נישט סתם עפעס ספרים. ער זאגט אז ער האט געשפירט ווי מוהרא"ש זי"ע "רעדט דירעקט צו מיר."

נאך א שטיק צייט, האט ער געשפירט אז ער וויל האבן מער קשר מיט מוהרא"ש. ער האט אסאך מתפלל געווען, און זיך נאכגעפרעגט צי מוהרא"ש האט געהאט תלמידים וואס וואוינען דא אין ניו יארק.

ביז ער האט געטראפן איינעם וואס האט אים געזאגט אז יא – און אים געגעבן דעם נאמען פון ראש ישיבה שליט"א. אבער דאס איז געווען נאר דער אנהייב. דער סמ"ך מ"ם האט עס נישט געגליכן, און עס האט גענומען גאר אסאך צייט, און איבערקומען פילע מניעות אנצוקניפן א קשר מיט'ן ראש ישיבה.

אבער דער אייבערשטער האט געהאלפן נאך אסאך תפילות, האט ר' מיכאל ווידער געמאכט א רייזע קיין וויליאמסבורג, וואו ער איז אנגעקומען אין ישיבה. ער האט געטראפן דעם ראש ישיבה זיצן און לערנען. און פון דא האט זיך עס אנגעהויבן. ר' מיכאל איז צוגעגאנגען צום ראש ישיבה, געגעבן שלום, און צום סוף געבעטן דעם ראש ישיבה זאל קומען צו זייער קהילה אין קווינס ניו יארק צו די בוכארישע אידישע קהילה, מיטן ציל צו מחזק זיין די אידן און צו מפיץ זיין די זיסע עצות פון רבי'ן. דער ראש ישיבה איז געווען איבערראשט פון די בקשה. ער האט זיך געוואונדערט צי עס איז דא בכלל א פארלאנג פאר אזעלכע דרשות.

אבער ר' מיכאל האט קלאר געשטעלט: "מיר זענען א גרויסע חבורה פון אידן, בחורים, בעלי בתים און אינגעלייט וואס זענען זיך כסדר מחזק מיט די ווערטער און ספרים פון רבי'ן, מוהרא"ש און דעם ראש ישיבה. דער ראש ישיבה האט אים דאן געגעבן זיין צושטימונג, און אים געזאגט אז ער וועט מיט'ן אייבערשטנס הילף אנהייבן געבן שיעורים אין קווינס אויף ענגליש.

און אזוי האט ב"ה פאסירט. זונטאג ביינאכט, פרשת שמות, איז דער ראש ישיבה אנגעקומען און געגעבן זיין ערשטן שיעור. דער ראש ישיבה איז געווען געוואלדיג איבערראשט פון וואס ער האט דארט געזען. א פול געפאקטער בית המדרש – פון אידן וואס זוכן צו הערן די עצות פונעם רבי'ן. נאך מער אינטערעסאנט איז געווען ווי בוכארישע אידן, וועלכע פארשטייען קוים א ווארט אידיש, האבן געזינגען די הארציגע ניגונים פונעם ראש ישיבה – אין אידיש.

דער ראש ישיבה האט גערעדט גאר שיינע התחזקות שטייענדיג אין די ערשטע טאג פון שובבי"ם, אויך האט דער ראש ישיבה געגעבן די געלעגנהייט פאר'ן ציבור צו פרעגן זייערע שאלות. די דרשה האט איבערגעלאזט א גאר גרויסן רושם אויפן ציבור.

עס איז וואונדערליך צו זען אז טראץ דעם וואס דער ראש ישיבה רעדט א שוואכע ענגליש, פארשטייט אבער יעדער די הארץ שפראך. און די דברים היוצאים מן הלב זענען נכנסים אל הלב.

# עירנו

## נייע בנינים פאר די מוסד

ווי אלע שטעטל איינוואוינער ווייסן, האט די הנהלה מיט בערך א חודש צוריק אפגעקויפט א בנין נעבן די עקזיסטירענדע בנינים ביי טשעסטנאט, כדאי די מוסדות זאלן האבן פלאץ וואו צו וואקסן, אזוי אויך אז די לעכטיגע קינדער זאלן נישט דארפן שפילן נעבן גוי'אישע הייזער.

אין די יעצטיגע טעג ווילן די חברי הנהלה אפקויפן נאך א הויז ממש נעבן די חדר בנין, די הנהלה זוכט אנ"ש וואס זענען גרייט צו בארגן געלט פאר די הנהלה צו קענען אפקויפן די בנינים, ווער עס וויל ארויסהעלפן די שטעטל און בארגן געלט פאר די הנהלה זאל זיך מעלדן צום חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו.

## שארטקאטס

אזוי ווי אלע טייערע חברים ווייסן, האט די הנהלה פארגאנגענע יאר אריינגעלייגט אסאך כוחות און מחשבה צו פארבעסערן די וועגן אין שטעטל, בפרט צו מאכן נייע שארטקאטס צווישן פארשידענע גאסן, כדי צו העלפן די איינוואוינער אנקומען שנעלער, גרינגער און מער באקוועם אין שול און אין מקוה שבת קודש.

די שארטקאטס זענען א גרויסע תועלת פאר אלע משפחות פאר יונגעלייט וואס ווילן אנקומען אין שול אן דארפן גיין לאנגע וועגן אדער אין אומאויסגעפלאסטערטע פלעצער, אזוי אויך פאר משפחות וואס ווילן גיין שבת באזוכן די עלטערן א.א.וו.

דא איז די פלאץ ארויסצוברענגען א ווארעמע דאנק צו אלע טייערע חברים וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער פראפערטיס, כדי עס זאל זיין מעגליך צו בויען און אויפשטעלן די שארטקאטס אויף א געהעריגע וועג. עס קומט זיך זיי א גרויסן יישר כח.

אין די יעצטיגע טעג, ווען עס שנייט און עס איז אייזיג אין גרויסע חלקים פון שטעטל, ארבעט די הנהלה מיט גרויס מסירת נפש יעדן ערב שבת, כדי די שארטקאטס זאלן בלייבן זיכער און נוצבאר פארן ציבור. מען שיקט גוים צו אויפשארן און זאלצן די וועגן, אז עס זאל חלילה נישט קומען צו קיין סכנה אדער אנדערע אומבאקוועמליכקייטן, און יעדער זאל קענען גיין רואיג און זיכער אויף די שארטקאטס.

ווי מען קען פארשטיין, קומט צו געוויסע הוצאות צו דעם, און אלע ארומיגע זאכן וואס פאסן זיך צו האלטן די שארטקאטס אין א גוטן צושטאנד. דערפאר, אויב ווילט איר נעמען א זכות אין מנדב זיין א שבת, צו דעקן די קאסטן פון יענע וואך און העלפן אז די שארטקאטס זאלן קענען אנגיין ווייטער אויף א געהעריגע און זיכערע וועג, וואס די זכות וועט אייך זיכער באגלייטן לנצח נצחים, ביטע פארבינדט אייך מיטן חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו.

## מצה בעקעריי

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט די ברסלב'ע מצה בעקעריי אין שטעטל זיך געעפענט בשעה טובה ומצלחת נאך חדשים ארבעט פון פלאנירונג, אונטער די אנפירערשאפט פון חבר הנהלה מו"ה שבתי מזרחי הי"ו און דער מענעדזשער מו"ה נח הערש ווייס הי"ו דער בעקעריי טראגט די שטרענגע השגחה פונעם דיין שליט"א, די מצות ווערן געבאקן מיט די העכסטע מאס כשרות מיט אלע חומרות והידורים וואס עס פעלט זיך אויס.

דער מצה בעקעריי ווערט געפירט לויט די פערזענליכע

הדרכה פונעם ראש ישיבה שליטא וואס גייט כסדר דורך אלע פרטים פונעם בעקריי מיטן מענעדזשער מו"ה נח הערש ווייס הי"ו, דער דיין שליט"א קומט כסדר אראפ און האלט אן עינא פקיחא אויף די גאנצע אפעראציע, פונעם איינקנעטן ביזן ארויסשיקן. דער דיין שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט אז עס איז נישטא נאך אזעלכע מהודר'דיגע מצות ווי די וואס ווערט געבאקן אין די ברסלב'ע בעקריי.

אנ"ש פארציילן אז די לעצטע פאר יאר וואס דער בעקריי שטייט, זענען די מצות וואס קומען ארויס גאר גוט און געשמאק, דאס איז אדאנק וואס אלע ארבעטער אינעם בעקריי זענען ברסלב'ע חסידים וואס מאכן התבודדות און גייען אין מקוה יעדן טאג. און צוגאב פילן אנ"ש א זכי' צו קויפן מצות פונעם ברסלב'ע בעקריי און האבן די זכות פון שטיצן די מוסדות און אלע אנ"ש וואס ארבעטן אינעם בעקריי.

צוליב די קורצע צייט ביז יום טוב פסח, איז באגרעניצט וויפיל מצות מען וועט קענען אניאגן צו באקן, דערפאר ווערן אנשי שלומינו געבעטן ארייצוגעבן די ארדערס ווי אמשנעלסטן כדי מען זאל קענען אננעמען די באשטעלונגען. דער וואס וויל באשטעלן פון די מצות דארף רופן מו"ה נח הערש ווייס הי"ו אויף845-539-0018 צו מאכן זיכער אז מען קען נאך אננעמען אייער ארדער.

## רענט פרייזן

ווי געמאלדן א צייט צוריק האט מען געטוישט די רענט פרייזן פאר די הייזער דא אין שטעטל.

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען דעם עולם איבער דעם, אויב איינער האט דאס בטעות פארזען.

עס איז ראטזאם אז אלע טענעטס זאלן זיך צו פארבינדן מיט די הנהלה איבער די נייע רענט פרייזן, זיכער צו מאכן אז זיי זאלן צאלן די ריכטיגע פרייז.

די נייע רענט פרייזן ווערלן אריינגיין אין אפעקט קומענדיגע אפריל אי"ה.



הערליכע נייע שיך אויסגעלייגט אין באזאר

# אלץ און אלעמען

פראגעס און ענטפערס איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## קאלקולעיטאר

### שאלה

איך לייג אריין זייער קאמפליצירטע חשבונות אין א קאלקולעיטאר, און אין ווייניגער פון א סעקונדע, האט עס דעם ריכטיגן ענטפער. עס פילט זיך כמעט שנעלער ווי טראכטן. וויאזוי ווייסט א קאלקולעיטאר אזוי שנעל די גוטע ענטפער?

ר. ז.

### ענטפער

פרעגסט זייער א גוטע שאלה. אין די קאלקולעיטארס זענען דא פיצלעך טשיפס. דער טשיפ אנטהאלט מיליאנען קליינטשיגע סוויטשעס ("טראנזיסטארס"). יעדער סוויטש קען זיין אדער "אנגעצונדן" אדער "אויסגעלאשן". דורך אנצינדן און אויסלעשן די אלע סוויטשעס לויט די פונקטליכע אנווייזונגען וואס מען האט באשטימט פאר אים, טוט דער מאשין אויסרעכענען די מערסט קאמפליצירטע מאטעמאטישע חשבונות.

פארוואס שפירט זיך עס אזוי שנעל? ווייל די אלע זאכן ווערן געטון דורך עלעקטרישע פולסן, וועלכע רוקן זיך מורא'דיג שנעל. דער טשיפ קען טון מיליאנען שריט אין א סעקונדע. און דערפאר שפירט זיך עס ווי עס געשעט אויף דער סעקונדע.

אנדערש זענען מיר מענטשן, וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א בחירה. מיר קענען ווערן פארנארט פון די וועלט, טוען ח"ו שלעכטס און קאליע מאכן, אדער קענען מיר הערן די עצות פון די צדיקים און פאלגן - בעיקר די עצה פון רעדן צום אייבערשטן - וואס דאס וועט אונז אלץ צוריק טראגן צום גוטן וועג, און פאררעכטן אלעס וואס מיר האבן אפגעטון.

דער קאלקולעיטאר גייט נישט באקומען קיין שכר פארן ענטפערן דיין שאלה, אפילו ער ענטפערט אייביג הונדערט פראצענט גוט. ער האט גארנישט געטון קיין שלעכטס, אבער ער האט נישט קיין בחירה. ער מוז טון פונקטליך וואס מען האט אים געהייסן.

מיר וועלכע האבן ב"ה שכל און א בחירה, וועלן אויסנוצן אונזערע מעגליכקייטן און בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קיינמאל פארגעסן פון אים, מיר זאלן אייביג געדענקען אז ער איז דא מיט אונז, און אז ער פארגעסט קיינמאל פון אונז, און אז מיר קענען אייביג צוריקקומען צו אים. נישט קיין חילוק וואס עס איז שוין דורך. און כאטש מיר מאכן טעותים, מיר זענען נישט אייביג גערעכט, איז אונזער עבודה אסאך מער חשוב פון דעם קאלקולעטאר וואס מאכט קיינמאל נישט קיין טעות.

איך האב הנאה פון דיין שאלה. עס ווייזט אז דו טראכסט. דער באשעפער וויל מיר זאלן נוצן אונזער שכל און געפיל, און אים דינען דערמיט. אנדערש ווי א קאלקולעיטאר וואס "טראכט" בכלל נישט. ער פאלגט פשוט די אינסטרוקציעס וואס די פירמע האט אים געגעבן בשעת מען האט אים באשאפן.

האסט איר א שאלה?
שיקט צו: 845-445-7447 – alemen@bletelmagazine.com

# א ווארט צוויי

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלעך

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו avorttzvei@bletelmagazine.com

• בערל שניצלער

## שקורין היימיש

"דער אייבערשטער האט נישט געוואלט פירן די אידן אויף א שנעלע גרינגע וועג קיין ארץ ישראל "כי קרוב הוא", וואס הייסט כי קרוב הוא?

קען מען זאגן פשט, איך בין נאנט מיטן צדיק, איך האב אים ארויס, איך קען אים פון די נאנט, איך בין נאך געזיצן מיט אים אויף איין באנק... דאס קען זיין זייער מסוכן, דאס קען מאכן מ'זאל ח"ו צוריק גיין קיין מצרים..."

**– א ברסלב'ער חסיד**

## אדער אדער

"ווען א בחור האט מיר געפרעגט פשט אינעם 'וחמישים עלו בני ישראל', ווי קען זיין אז 2.4 מיליאן אידישע קינדער האבן פשוט געוואלט בלייבן אין מצרים? ווי לייגט זיך עס אפילו אויפן שכל? האב איך אים געענטפערט ער זאל זיך ארומקוקן אביסל, יעדער איד קען אננעמען דעם רבינ'ס לימודים און ארויסגיין פון מצרים, פשוט כמשמעו, און אסאך ווייניגער ווי וחמשים - איינס פון פינף - האבן די זכי' דער אייבערשטער זאל זיי מקרב זיין צום צדיק, משה רבינו..."

**– מגיד שיעור אין איינע פון די ישיבות היכל הקודש**

## ואלה שמות

"מ'האט געלערנט אינעם דף (מנחות יא.) אז קמיצה איז מעבודות קשות שבמקדש. וואס איז פשט דערפון? נאר אז אזא קליינע עבודה וועט מיר אפמעקן מיינע עבירות איז זייער שווער צו 'גלייבן', דאס איז פון די שווערסטע עבודות..."

**– ר' אייזיק ראטה**

## א בילד צוויי

## לאנטש ברעיק

ריכטיג ברסלב'ע
אינגל ענדיגט דעם
יום תהלים ווארטנדיג
בשעת מ'טיילט אויס
לאנטש אין חדר



## דער ראש ישיבה האט געזאגט:

## שובבי"ם

"מיר שטייען יעצט סוף שובבי"ם, יעדער וויל זיין אן ערליכער איד, די פראגע איז נאר: "וואס טוט מען?" מענטשן זענען פארלוירן און צעמישט, דער געבעט אזא עצה, דער האט אזא עצה, און דער רבי' געבט אונז אן עצה, שמועס דיך דורך מיטן אייבערשטן.

פארוואס טאקע כאפן זיך נישט מענטשן צו צו די עצה פון רבי"ן? ווייל עס איז צו פשוט, א מענטש גלייבט נישט אין דעם, אז דער מגיד שיעור וועט זאגן: "ווער עס וועט לערנען צען שעה רצופות, און כאפן א נערוון בראך, דאס איז עבודת השם", אדער איינער וועט זאגן: "שטיי אויף דיין קאפ" וועט מען עס אננעמען.

**– אשר היה אל יואל, פרשת יתרו תשפ"ד**

# הילולא קדישא



## מוהרא"ש
## זכותו יגן עלינו
י"ב שבט תשע"ה



### פון געלט זאלט איר מיט מיר נישט שמועסן

אַז דוּ וואוינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ פָּארְן קַיין יַבְנִאֵל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען דָאס בַּית הַמֶדְרָשׁ וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט, זָאלְסְט גֶעבְּן אַ קוּק וָואס שְׁטֵייט בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם בַּית הַמֶדְרָשׁ; מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן טִיר פוּנֶעם בַּית הַמֶדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער: **"הַבַּעַל תְּפִילָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל"**, אִין אִידִישׁ: "דֶער בְּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעזָאגְט: נָאךְ אַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יַבְנִאֵל גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּם גְרוֹיסְן בַּית הַמֶדְרָשׁ נָאר צוּ זֶען דֶעם טָאוְול; דָאס בְּרֶענְגְט יֶעדֶעס מָאל אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג ווִי מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִי שְׁטַארְק מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעך.

עצתו אמונה שמות תשע"ט

### דו קענסט דעם רבי'ן

מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון, דָארְט קֶען מֶען אִים טְרֶעפְן אוּן זַיין דָבוּק צוּ אִים; אַזוֹי ווִי מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ בָּחוּר וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט אָנְצוּכַאפְּן מוֹהַרָא"שׁ'ס הַאנְט בְּשַׁעַת מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן נָאךְ קִידוּשׁ לְבָנָה: "דוּ ווִילְסְט מִיר אָנְכַאפְּן? **לֶערְן אַשֶׁר בְּנַחַל, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אָנְכַאפְּן"**.

דָא בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן מוֹהַרָא"שׁ; בַּיי יֶעדֶע שְׁמוּעֶס הֶערְט מֶען: "מוֹהַרָא"שׁ", "מוֹהַרָא"שׁ", אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס מֶען לֶערְנְט פָאר דָא אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ הֶערְט מֶען: "מוֹהַרָא"שׁ", "מוֹהַרָא"שׁ", "מוֹהַרָא"שׁ"; זֶענֶען דָא דִי פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס וֶוערְן לֶעצְטְנְס מְקוּרָב וֶועלְכֶע קוּמֶען מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי: "הַיִתָּכֵן מִיר הָאבְּן נִישְׁט מוֹהַרָא"שׁ, מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ שְׁפֶּעט?!

זָאג אִיךְ זֵיי שְׁטֶענְדִיג וָואס רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶעמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵא גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: **"יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט 'גֶעקֶענְט' דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן"**, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים.

דָאס זָאג אִיךְ אוֹיךְ פַאר אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים: "אַז אִיר וֶועט לֶערְנֶען מוֹהַרָא"שׁ'ס סְפָרִים וֶועט אִיר אַלֶע הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם צַדִיק".

עצתו אמונה שמות תשע"ט

### ביי מוהרא"ש דעם לעצטן מאל



אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִין




שְׁפִּיטָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת.

גֶעוֶוען אִיז דָאס מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח וֶוען אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִינֶעם קָאלָאמְבִּיע שְׁפִּיטָאל, אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען מוֹהֲרָא"שׁ נָאכְאַמָאל אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, עֶס הָאט אוֹיס גֶעזֶען וִוי מוֹהֲרָא"שׁ גֵייט שׁוֹין נִסְתַּלֵּק וֶוערְן דֶעמָאלְט אוּן מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין גֶעלָאזְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא טוּמְל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם שְׁפִּיטָאל אָבֶּער מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין גֶעלָאזְט. לְמַעֲשֶׂה אִיז אַ זוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן צִימֶער מִיר זָאגְן אַז אִיךְ זָאל אַרַיין קוּמֶען; מִיר אִיז פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן צוּ זֶען וִוי מוֹהֲרָא"שׁ לִיגְט אִין בֶּעט, אַלֶע מַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן מִיר גֶעצִיטֶערְט. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גֶעבְּן שָׁלוֹם אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט גֶעבְּן דִי הַאנְט.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן, אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי שִׂיחָה וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תקכב) אַז פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בְּעַל יְסוֹד וְשׁוֹרֶשׁ הָעֲבוֹדָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ קְנַאק מִיט זַיין פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: **"אִיבֶּער גִישְׁפְּרִינְגֶען";** עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען אִיבֶּער צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם): **"וְהָיָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְשַׁבֵּחַ מְאֹד אֶת הַצַּדִּיק הַזֶּה שֶׁזָּכָה לוֹמַר כָּךְ קֹדֶם מוֹתוֹ",** אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שִׂיחָה אוּן גֶעזָאגְט: **"אוּן אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אִיךְ פַּאטְשׁ פַאר שִׂמְחָה אַז אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער";** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּאטְשְׁן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער **"אוּן אִיךְ פַּאטְשׁ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט";** דִי פָּאר וֶוערְטֶער קֶען אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

עצתו אמונה שמות תשע"ט

## מוהרא"ש איז דא מיט אונז

אִיךְ הָאבּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה פוּן דִי חֲתוּנָה וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה דִי וָואךְ.

בַּיי דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט: 'יֶעצְט קֶען מֶען טַאקֶע זָאגְן אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן'; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן גָאר אַסַאךְ בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים (קוּנְטְרֵס "לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים"; אֶרֶךְ אַפַּיִם אות ד; וְעוֹד) אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, נָאר פָּשׁוּטֶ'ע.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט דָא אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי בָּחוּרִים: **"וָואס דַארְף אַ בָּחוּר? אַ בָּחוּר דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ: עֶר וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן",** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶען דַארְף בְּלוֹיז צֶען מֶענְטְשְׁן אוּן אַ טַלִּית צוּ שְׁטֶעלְן אַ חוּפָּה אוּן דָאס אִיז עֶס. דֶער בָּחוּר וִויל אֵיין זַאךְ, עֶר וִויל זָאגְן וָואס דִי בַּת קֵיסָר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן בֶּן מֶלֶךְ נָאכְן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אִיר שִׁידוּךְ: "אוּן דוּ בֶּן מֶלֶךְ קוּם אַהֶער, לָאמִיר אַהֵיים גֵיין (עַיֵּין בְּסוֹף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ב', מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר)", גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יֶעצְט אִיז דֶער חָלוֹם מְקוּיָּם גֶעוָוארְן.

אֵיינֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר בְּשַׁעַת דִי חֲתוּנָה אוּן מִיר גֶעזָאגְט: "עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנָה, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אָבֶּער אֵיין זַאךְ פֶעלְט יָא, אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאל זִיצְן דָא מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל אוּן זֶען וִוי זַיין פְלָאג אוּן מִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, אוּן זִינְגֶען דֶעם בַּאקַאנְטְן נִיגוּן: **'לֹא תְנַצְּחוּ אוֹתִי כָּל כָּךְ מַהֵר'",** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"מוֹהֲרָא"שׁ אִיז שׁוֹין אֵיינְמָאל דָא, נָאךְ וִוי אִיז עֶר דָא";** ווייל דָארְט וואוּ מֶען חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער צַדִּיק, אַזוֹי אוֹיךְ דָארְט וואוּ מֶען פִירְט זִיךְ לוֹיט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט גֶעלֶערְנְט דָארְט אִיז דֶער צַדִּיק, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת אַחֲרֵי, דַף עא:): **"צַדִּיקָא - אַף עַל גַב דְאִתְפְּטָר מֵהַאי עָלְמָא, לָא אִסְתַּלָּק וְלָא אִתְאֲבִיד מִכֻּלְהוּ עָלְמִין, דְּהָא בְּכֻלְהוּ עָלְמִין אִשְׁתְּכַח יַתִּיר מֵחַיּוֹי",** צַדִּיקִים גֶעפוּנֶען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט נָאךְ זֵייעֶר פְּטִירָה נָאךְ מֶער וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען דָא בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט.

עצתו אמונה יתרו תש"פ

## שכל פון מוהרא"ש

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי בְּרִיוְון; אַלֶע בְּרִיוְון וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן אִיז נָאר בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג.

עצתו אמונה טהרה תשע"ט



# יום הולדת פון הייליגן רבי נתן זכותו יגן עלינו

## שאלה

*די וואך לכבוד דעם יום הולדת פון הייליגן רבי נתן זכותו יגן עלינו, ברענגען מיר אייך ארופא בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן פאר זעקס יאר צוריק, איבער דעם פארוואס מען מאכט א סעודה ביי די יום הולדת פון רבי נתן זי"ע, בשעת מ'ווייסט אז מ'מאכט נישט קיין עסק ביי א יום הולדת.*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד דִי טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בְּנֵי בְּרַק, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז דִי יוֹם הֻלֶּדֶת פוּן רֶבִּי נָתָן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ צַאמְקוּמֶען מִיט רֶבִּי נָתָן מַאכְן אַ סְעוּדָה, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא תַּלְמִיד ווִי רֶבִּי נָתָן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק בַּיי אִידְן פוּן אַ יוֹם הֻלֶּדֶת, דָאס אִיז וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר שֶׁעדִיגְן דִי וֶועלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה מח, א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ז, א): "**טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב**", אַ גוּטֶע נָאמֶען גֵייט וַוייטֶער ווִי גוּטֶע בְּשָׂמִים, "**וְיוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ**", אוּן דֶער טָאג וָואס מֶען שְׁטַארְבְּט אִיז בֶּעסֶער פוּנֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַ מָשָׁל, וֶוען אַ שִׁיף פָארְט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּארְט אָנְגֶעפִילְט מִיט סְחוֹרָה, דֶעמָאלְט פַייפְט מֶען נִישְׁט מִיט טְרָאמְפֵּייטֶערְס, וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט צִי דֶער שִׁיף וֶועט אָנְקוּמֶען אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער שִׁיף קוּמְט אָן בְּשָׁלוֹם צוּם פָּארְט, דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען מִיט טְרָאמְפֵּייטֶערְס, מֶען שַׁאלְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, מֶען וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים, צִי עֶר וֶועט צוּגֶעבְּן צוּ דִי וֶועלְט אָדֶער פַארְקֶערְט, דֶערְפַאר מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין 'יוֹם הֻלֶּדֶת', מַה שֶּׁאֵין כֵּן בַּיי אַ יָארְצַייט, מַאכְט מֶען אַן עֵסֶק אוּן מֶען מַאכְט אַ יָארְצַייט סְעוּדָה, אָבֶּער אַ צַדִיק וָואס מַאכְט לִיכְטִיג דִי וֶועלְט - דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם טָאג וָואס דֶער צַדִיק אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיר זֶענְט אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג מֶען זָאל אַייךְ נִישְׁט פַארְפִירְן; אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט ווִיסְן וָואס אִיז בַּיים רֶבִּי'ן דֶער עִיקָר.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב): "בְּבַקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי", אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, "שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק", זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה, "שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִקָּר", מַאךְ נִישְׁט פוּן נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאכְן אַן עִיקָר, "רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא", הָאבּ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", פַאר דֶעם זֶענֶען מִיר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן; פוּן דִי קְלֵיינֶע בְּרִיוו וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי יוֹסְקָא, זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז; נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען, מִיר זָאלְן הָאבְּן שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

## א בריוו
## פון דער
## ראש ישיבה

**עצתו אמונה בשלח תשפ״א**

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע הַתְמָדָה; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען אָן אַ שִׁיעוּר, מֶען הָאט אַלְץ גֶעוִויסְט אַז דִי וָואס לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא - זֶענֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב קעד): "גַּם פֹּה נִמְצָא מִתְנַגֵּד אֶחָד", עֶס גֶעפִוּנְט זִיךְ דָא אַ מִתְנַגֵּד, "שֶׁבְּנוֹ הִתְחִיל קְצָת לְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וְלָמַד הַרְבֵּה גְּמָרָא וּפוֹסְקִים", וָואס זַיין זוּן אִיז מְקוּרָב צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, "וְעַתָּה, מַכְרִיחִים אוֹתוֹ אַנְשֵׁי בְּלִיַּעַל, הַמְכַנִּים עַצְמָם בְּשֵׁם חֲסִידִים, וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ מִלִּלְמֹד גְּמָרָא וּפוֹסְקִים, וְאוֹמְרִים שֶׁטּוֹב יוֹתֵר לְדַבֵּר עִמָּהֶם", דִי מִתְנַגְּדִים רֶעדְן אִים אָפּ פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא וּפוֹסְקִים, זֵיי זָאגְן אִים אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי וִוי צוּ לֶערְנֶען, "וְאָבִיו צָעַק עַל בְּנוֹ הַנַּ"ל, אֲנִי נוֹתֵן לְךָ לֶאֱכֹל עַל מְנָת שֶׁלֹּא תִּלְמַד רַק דַּף גְּמָרָא אֶחָד בְּכָל יוֹם, לֹא יוֹתֵר! כִּי מִי שֶׁלּוֹמֵד כָּל הַיּוֹם הוּא בְּרֶסְלֶבֶר וְכוּ'", זַיין טַאטֶע שְׁרַייט אוֹיף אִים עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ, וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט אִים אַז עֶר גֵייט אִים אוֹיפְהֶערְן גֶעבְּן עֶסְן אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר מֶער וִוי אֵיין דַף גְמָרָא.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַ מוֹרָא'דִיגֶער לָשׁוֹן: "הַכְּלָל, שֶׁאֵין הַמִּתְנַגְּדִים עוֹמְדִים לִמְנֹעַ מִלִּלְמֹד סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רַק פְּנִימִיּוּת כַּוָּנַת הָרַע שֶׁבְּלִבָּם הוּא לְבַטֵּל מִיִּשְׂרָאֵל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כִּי יָדוּעַ לָכֶם מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרָט בַּדּוֹר הַזֶּה, וְאֵין שׁוּם הַצָּלָה כִּי אִם עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, וְאֵין מִי שֶׁיַּכְנִיס לִמּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם כְּמוֹ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עַל יְדֵי אֲמִתַּת דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלָּה עַל יָדֵינוּ, וּבִסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דִי מִתְנַגְּדִים וִוילְן נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זֵיי וִוילְן אוֹיסְרַייסְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; וַוייל עֶס אִיז אַייךְ בַּאוִויסְט דִי מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים פוּנֶעם דוֹר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען לִימּוּד הַתּוֹרָה נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אִיז זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט):

**"נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ, בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר, וְכַיּוֹצֵא"**, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): **"שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדוּשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כַּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חוֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"**, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי עֶס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג)"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען, וַוייל תּוֹרָה אִיז דִי עֵצָה אַז מֶען זָאל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס מַאכְט מֶען חוֹזֶק פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; מֶען רֶעדְט פוּן טָפֵל זַאכְן, מֶען דֶערְצֵיילְט שִׂיחוֹת פוּן זְקֵנִים וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז דֶער שִׂיחָה אֵיינֶע פוּן דִי עִקָּרִים אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טַעְנָה'ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; אַנְשְׁטָאט טַעְנָה'ן זָאלְט אִיר אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.**



# פְּשָׁרָה'לָאג

*אין*

*קורצן פון פריער: ר' יעקב יוסף הערמאן קומט אן קיין אמעריקע, טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט.*

*איינמאל איז געקומען אויף אמעריקע רבי ברוך בער לייבאוויץ זי"ע אינאיינעם מיט זיין גרויסן איידעם דער גאון רבי ראובן גרזאוווסקי זי"ע. ר' יעקב יוסף האט געוואלט זיי האבן צוגאסט.*

*און יעצט ליינט ווייטער.*

ר' יעקב יוסף האט פרובירט אריינצוגיין אין האטעל און זיך דורכצושטופן צווישן אלע מענטשן. גאנץ שנעל האט ער אבער געהערט ווי דער עולם שמועסט אז היינט קען מען נישט צוקומען צום ראש ישיבה. דער ראש ישיבה איז זייער אפגעמוטשעט און קיינער קען נישט אריין.

רוב מענטשן האבן זיך אוועקגעדרייט אנטוישט. אבער נישט ר' יעקב יוסף. ער האט פעסט אנגעכאפט די האנט פון זיין קליין מיידל און זיך געלאזט צו די טעפיך-

באדעקטע

טרעפ פון האטעל.

געשווינד איז ער ארויפגעלאפן צום צווייטן שטאק וואו די גדולים זענען איינגעשטאנען.

אויך דארט איז געווען אן אנלויפעניש מיט מענטשן. אינדרויסן פון דער טיר איז געשטאנען א גבאי און קיינעם נישט געלאזט צוקומען.

ר' יעקב יוסף האט זיך ממש געבעטן, "ביטע לאזט מיר צוגיין, בלויז פאר איין מינוט. עס איז זייער וויכטיג."

דער גבאי האט געהאט מיטלייד אבער אים געזאגט אז ער זאל פרובירן צוריקצוקומען מארגן. "זייט נישט בייז, אבער דער ראש ישיבה איז זייער אפגעמוטשעט און קען קיינעם נישט אויפנעמען היינט."

פלוצלינג האט איינער פון די גבאים געגעבן א קוק און געפרעגט, "וויאזוי הייסט איר?"

"הערמאן."

"זענט איר נישט ר' יעקב יוסף הערמאן דער גרויסער בעל מכניס אורח?"

"איך

בין יעקב יוסף הערמאן פון די איסט סייד," האט ר' יעקב יוסף באשיידן געענטפערט.

א מינוט דערויף האט זיך דער שער הצדיקים געעפנט. ר' יעקב יוסף האט זיך געטראפן שטיין פנים אל פנים מיט די גרויסע צדיקים.

ווי זיין טאכטער דערציילט, איז געווען אויסגעגאסן אויף איר טאטנ'ס געזיכט אזא שמחה, יראת הכבוד און פולשטענדיגע הכנעה און ביטול צו די צדיקים.

מיט א ציטערדיגער האנט האט ער געגעבן שלום פאר רבי ברוך בער און פאר רבי ראובן און זיך אנגערופן מיט דרך ארץ, "איך בין אייך געקומען לאדענען צו מיר אין שטוב."

"ברוך השם אז איר זענט געקומען. מיר האבן געווארט אויף אייך," האט רבי ברוך בער אויסגערופן.

רוחמה האט געקוקט פארגאפט אויף איר טאטן. זי האט נישט געגלייבט וואס פאסירט דא. אבער אויף איר טאטנ'ס געזיכט האט זיך נישט אנגעזען קיין איבערראשונג, נאר גליק, זיין פנים האט געשיינט פון גליק! ער האט געווינען די לאטערי היינט!




אפאר

מינוט שפעטער זענען זיי געווען אויפן וועג אהיים, דאסמאל זענען זיי געפארן אין א באקוועמע קאר מיט איינער פון די גרויסע עשירים (דער אייגנטומער פון "רוקח" פירמע) דורך די גאסן פון מאנהעטן. נאך א צאל קארס זענען זיי נאכגעפארן.

אויפן וועג האט זיך ר' יעקב יוסף אנטשולדיגט פאר די גדולים אז זיי האבן געדארפט ווארטן אויף אים. "איך האב פשוט נישט געוואוסט אז איר דארפט היינט אנקומען. ווען איך וואלט געוויסט, וואלט איך ארויסגעגאנגען מקבל פנים זייןביים שיף. איך בין ממש ערשט פריער געוואויר געווארן דערפון."

ווי נאר די קאר האט זיך אפגעשטעלט, האט ר' יעקב יוסף שטיל געזאגט פאר רוחמה'ן, "לויף ארויף און זאג פאר דער מאמע אז דער גרויסער צדיק מיט זיין איידעם זענען דא און מען זאל אויסשפרייטן דעם שבת'דיגן טישטוך און צוגרייטן אלעס וואס פעלט אויס."

רוחמה איז ארויפגעלאפן מיט א בהלה. זי איז אריינגעפאלן אין שטוב. "מאמע, מאמע, זיי זענען דא. דער גרויסער צדיק, זיין איידעם און נאך אסאך מענטשן!"

א מינע פון שטאלץ האט זיך אויסגעשפרייט אויף מרת הערמאן'ס געזיכט. "וואס דער טאטע קען, קען קיינער

נישט!"

שנעל און געשווינד האט זי אויסגעשפרייט דעם שבת'דיגן טישטוך און געלייגט פרוכט און ברויט אויפן טיש. אויפן פלאם איז שוין געווען, ווי יעדן טאג, א נאראהאפטיגע געשמאקע זופ.

ביז עטליכע מינוט איז די שטוב אנגעפילט געווארן מיט א לופט פון תורה און שמחה. די גרויסע צדיקים האבן אויסגעוועלט זייער אכסניא ביי משפחת הערמאן, מיט זייער פארעלטערטע טיש און בענקלעך.

אפאר וואכן שפעטער האט זיך מרת הערמאן דערוואגט צו פרעגן פון רבי ראובן, "וואס איז פשט אז איר האט אויסגעוועלט צו זיין אונזערע געסט? מען האט אייך דאך אנגעטראגן פיל שענערע און באקוועמערע אכסניות?"

רבי ראובן האט זיי דאן פארציילט אז ווען זיין הייליגער שווער האט געזען אז די ישיבה איז אין א מצב פון אונטערברעכן אונטער די פינאנציעלע שוועריגקייטן, האט מען באין ברירה געמאכט דעם באשלוס אז דער ראש ישיבה אליינס וועט קומען קיין אמעריקע און פרובירן צו מאכן געלט, כדי צו קענען אויפהאלטן די ישיבה. די ישיבה האט געהאט א לאנג-יעריגן משולח אבער ער האט זיך דאן נישט גוט געשפירט און נישט געקענט אונטערנעמען די רייזע. ווען

דער ראש ישיבה האט געהערט פון דעם פלאן, איז ער געווען אומצופרידן. וואו קען ער איבערלאזן די תלמידים פאר אזא לאנגע צייט און בעיקר וואו וועט ער טרעפן א כשר'ע מאלצייט אין אמעריקע?

"בנוגע עסן," האט דער משולח זיי בארואיגט, "דארפט איר נישט זארגן. עס איז דא א איד אין ניו יארק, א גרויסער צדיק און ירא שמים. ער איז אויך א גרויסער בעל מכניס אורח. אלע ערליכע אידן עסן ביי אים אין שטוב און מען קען זיך דארט אינגאנצן פארלאזן אויף די כשרות. זיין נאמען איז ר' יעקב יוסף הערמאן."

"נו," האט רבי ברוך בער געזאגט, "דארפן מיר אים שרייבן א בריוו, פרעגן אויב מען קען איינשטיין ביי אים."

"איר דארפט נישט שרייבן קיין בריוו און פרעגן," האט דער משולח געזאגט, "ער וועט שוין קומען צו אייך און זיך בעטן אז איר זאלט קומען צו אים. איך בין הונדערט פראצענט זיכער!"

רבי ראובן האט דערציילט אז אין אנהייב, זעענדיג אז ר' יעקב יוסף קומט נישט, האבן זיי זיך דערשראקן. אבער דער משולח איז געווען גערעכט. "אייער גרויסער מאן איז געקומען און אונז פארבעטן צו אייך אין שטוב!"

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

## ווילנא ש"ס

### חלק ב'

אהרן קליטניק

***אין קורצן פון פריער:*** *מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ דִין תּוֹרָה צוּ דֶער ר' מְנַחֵם מָן מֶעג אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ שַ"ס עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז עֶר מֶעג נִישְׁט דְרוּקְן, וַוייל מֶען הָאט גֶע'חַתְמ'ט אַן אִיסוּר הַשָּׂגַת גְּבוּל, בְּמֵילָא טָאר עֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ שַ"ס אִין דִי צֶען יָאר פוּן וֶוען סְלַאוִויטָא הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע. אַנְדֶערֶע גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וּבְתוֹכָם רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זי"ע הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז ר' מְנַחֵם מָן מֶעג יָא, וִויבַּאלְד דִי גַאנְצֶע סִיבָּה וָואס מֶען הָאט גֶע'חַתְמ'ט אִיז נָאר אַז דְּפוּס סְלַאוִויטָא זָאל קֶענֶען פַארְקוֹיפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע שַ"סְ'ן קֵיינֶער זָאל זֵיי נִישְׁט אוּנְטֶערְהַאקְן, אָבֶּער דִי מְצִיאוּת אִיז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַלֶעס פַארְקוֹיפְט, בְּמֵילָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַאר ר' מְנַחֵם מָן צוּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ שַ"ס.*

*לְמַעֲשֶׂה הָאט בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז וִויבַּאלְד דִי סְלַאוִויטָא דְרוּק הָאט שׁוֹין אַלֶעס פַארְקוֹיפְט, אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַאר ר' מְנַחֵם מָן צוּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ שַ"ס, אוּן סְלַאוִויטָא קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. אַזוֹי אִיז טַאקֶע נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי ווִילְנָא שַ"ס וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט גָאר שֵׁיין.* ***יעצט ליינט ווייטער.***

נָאכְן פְּסַק דִין וָואס דְּפוּס סְלַאוִויטָא הָאט פַארְלוֹירְן הָאבְּן צְוֵויי אִידְן פוּנֶעם בֵּית הַדְּפוּס זִיךְ לֵיידֶער פַארְרֶעדְט אַ וָוארְט זָאגְנְדִיג אַז רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זי"ע אִיז שׁוֹין אַלְט, עֶר הָאט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט קַיין דֵעָה, נָאר אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז נָאר לוֹיטְן בַּאפֶעל פוּן זַיין זוּן ר' שְׁלֹמֹה וָואס זָאגְט אִים וָואס צוּ זָאגְן.

זֵיי הָאבְּן מְפַרְסֵם גֶעוֶוען פַאר יֶעדֶעם זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער, בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זי"ע זֵייעֶרֶע רֵייד, וָואס דָאס הָאט אִים אִיז זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ צַעַר אוּן גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ דֶערְפוּן. הָאט זִיךְ רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זי"ע אָנְגֶערוּפְן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דַיין תּוֹרָה לֶערְן אִיךְ אוּן דָאס פַּסְקְ'ן אִיךְ, טָאמֶער זֵיי זָאגְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַלְט אִיךְ וֵייס שׁוֹין נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, אִיז אוֹיף מַיין כָּבוֹד בִּין אִיךְ מוֹחֵל אָבֶּער דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט מוֹחֵל זַיין כָּבוֹד".

דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר אַ הַארְבֶּע מַעֲשֶׂה - זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי תּוֹרָה אַלֵיין.

הָאט פַּאסִירְט אֵיין טָאג אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג אַז דֶער בִּינְדֶער אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס - וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי - הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אָנְגֶעטְרוּנְקֶען, עֶר אִיז גֶעוָוארְן שִׁיכּוֹר אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אוּן אַזוֹי גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיפְן פְּלַאץ.

פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִינֶעם שְׁטָאט אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען אַ ווּאוּנְדֶער, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאסְטֶער שִׁיכּוֹר, אָבֶּער לֵיידֶער הָאט דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג ארויסְגֶעגֶעבְּן אַ פְּסַק אַז מֶען דַארְף זֵיי אַיינְשְׁפַּארְן פַאר דְרֵייי יָאר אִין קִיוּב, דִי רוּסִישֶׁע רְשָׁעִים הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפַּייְנִיגְט מִיט אַכְזָרִיּוּת, אָבֶּער דִי צְוֵויי אִידְן הָאבְּן עֶס מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּאַהֲבָה וִויסֶענְדִיג אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט!

נָאךְ דְרֵייי יָאר הָאט דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אוּנְטֶער דֶער רָשָׁע נִיקְאָלֵיי דֶער עֶרְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל אַז מֶען גֵייט זֵיי מִשְׁפָּטְ'ן מִיט שְׁלֶעק, עֶס גֵייט זַיין צְוֵויי שׁוּרוֹת פוּן בַּאוָואפֶענְטֶע סָאלְדַאטְן וָואס גֵייעֶן הַאלְטְן שְׁטֶעקְנֶעס מִיט רַייט שְׁמַייסֶערְס, אוּן דִי צְוֵויי צַדִיקִים וֶועלְן אַדוּרְכְגֵיין אוּן כַאפְּן הוּנְדֶערְטֶע קְלֶעפּ, אוּן אוֹיבּ גֵייעֶן זֵיי עֶס אַדוּרְכְלֶעבְּן גֵייט מֶען זֵיי שִׁיקְן קַיין סִיבִּיר פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אָבֶּער דִי צְוֵויי אִידְן הָאבְּן אַלְץ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶרְ'ט וָואס אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז "הֱוֵי מִתְחַמֵּם כְּנֶגֶד אוּרָן שֶׁל חֲכָמִים" מֶען זָאל זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען מִיט דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים "וֶהֱוֵי זָהִיר בְּגַחֶלֶת שֶׁלֹּא תִכָּוֶה" מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זֵייעֶרֶע קוֹילְן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט זֶעט מֶען דָא ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם וַוייל אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי טְשֶׁעפֶּעט מֶען דִי תּוֹרָה אַלֵיין, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְטְשֶׁעפְּן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.



***שיחות מוהרא"ש חלק ט' ערך גמרא***



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קמ"ח

## פארזעצונג פון פריער:

**נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אום שבת קודש פאר די ברית פון זיין הייליגן זון, האט דער רבי געמאכט א שלום זכר, ווי דער מנהג איז, און א גרויסער עולם איז געקומען אנוואונטשן דעם רבי'ן.**

**ווען דער עולם איז זיך צוגאנגען, זענען דארט געבליבן עטליכע אנשי שלומינו, צווישן זיי אויך רבי נתן, זיי זענען געשטאנען מיט פארכט פאר'ן הייליגן רבי'ן, און געקוקט אויף זיין הייליגע צורה, וואס האט געשיינט מיט א געוואלדיגע שמחה.**

דערנאך האט דער רבי געמאכט דעם ברית פאר'ן קינד, דער רבי אליין איז געווען דער סנדק און האט אויך געמאכט די חיתוך, און מיט די מצוה פון פריעה האט ער מכבד געווען רבי נתן, און מען האט א נאמען געגעבן פאר'ן קינד "שלמה אפרים".

דאס גרויסקייט פון דעם קינד קען מען גארנישט משיג זיין און איבערזאגן, אביסל איז מרומז איבער דעם אין ליקוטי מוהר"ן, (חלק א', סימן ט"ז) וואו דער רבי רעדט פון די צוויי משיחין, משיח בן דוד און משיח בן יוסף, וואס נאך זיי האט ער באקומען דעם נאמען, 'שלמה' בן דוד, און 'אפרים' בן יוסף. עס ליגט אין דעם גאר באהאלטענע סודות וואס קען נישט געדרוקט ווערן.

דער רבי האט געמאכט א סעודה, און עס איז גאר פרייליך געווען דארט.

אנשי שלומינו זענען געבליבן ביים הייליגן רבי'ן ביז שלישי למילה, ווען דער רבי האט נאכאמאל געמאכט א סעודה, און די גאנצע צייט האט דער רבי אסאך גערעדט, ער האט מגלה געווען גאר וואונדערליכע זאכן, און געשמועסט גאר שיינע און טייערע שמועסן אין עבודת ה' יתברך.

ביי די שלישי למילה האט דער רבי אסאך גערעדט פון די גרויסקייט פון תפלה והתבודדות, ארויסצוגיין אין פעלד זיך מתבודד זיין צווישן די גראזן, דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט, "עס איז זייער גוט, פרום צו זיין צווישן זיי". דער רבי האט געשמועסט דעמאלט אז אין די ווינטער שטארבן אפ אלע גראז און געוואוקסן, זייער כח ווערט אויס, און זיי ווערן ווי אפגעשטארבן אינגאנצן, און דערנאך ווען עס קומט זומער וועקן זיי זיך צוריק אויף, זיי לעבן אויף; און דעמאלט איז זייער גוט ווען מען גייט ארויס צווישן זיי "לשוח בשדה" () שיחה זו תפלה (), צו שמועסן מיט'ן אייבערשטן, מתפלל זיין צום אייבערשטן, בענקען און האפן צום אייבערשטן, צווישן די גראז. אלע געוואוקסן און גראזן אויפ'ן פעלד בענקען און ווערן נכלל אין די תפלות און שמועסן וואס דער איד רעדט דארט מיט'ן אייבערשטן.

דער רבי האט אסאך גערעדט איבער דעם ענין, אבער מען האט עס נישט גלייך פארשריבן, און דעריבער איז דאס רוב פארגעסן געווארן. דאס ביסל וואס מען האט געדענקט און אראפגעשריבן איז געדרוקט אין ליקוטי מוהר"ן (חלק ב', סימן י"א).

דער רבי האט אויך גערעדט דעמאלט אסאך פון די גרויסקייט פון זאגן תהלים. דער רבי האט דעמאלט געזאגט אז די גרויסקייט פון זאגן קאפיטלעך תהלים, איז ווייל עס איז עס אזוי ווי דוד המלך עליו השלום האט עס אליין געזאגט, דוד המלך האט דאך געזאגט דעם תהלים מיט רוח הקודש, און די רוח הקודש ליגט אין די ווערטער, און ווען א איד זאגט די ווערטער וועקט ער מיט דעם אויף די רוח הקודש וואס ליגט דארט באהאלטן, אזוי ווייט אז עס איז ממש ווי דוד המלך עליו השלום זאגט עס אלין.

און דאס איז זייער מסוגל אויסצוהיילן א קראנקן, אז ער זאל זיך פארלאזן נאר אויפ'ן אייבערשטן, ער זאל האבן א פולקאמע בטחון אז דורך די קאפיטלעך תהלים וועט דער אייבערשטער אים העלפן.

בטחון איז אזוי ווי א שטעקן. אזוי ווי א מענטש לײנט זיך אן אויף א שטעקן, אזוי קען זיך א מענטש אנליינען אויף בטחון, ער פארזיכערט זיך אינעם אייבערשטן אז ער וועט אים זיכער העלפן, ווי דוד המלך זאגט (תהלים י"ח, י"ט) "ויהי ה' למשען לי", און דורך דעם ווערט דער חולה אויסגעהיילט, ווי דער פסוק זאגט (שמות כ"א, י"ט) "אם יקום והתהלך בחוץ על משענתו, ונקה".

[עס איז געווען א גאנצע אריכות אין דעם, אבער מען האט עס נישט אפגעשריבן געהעריג בשלימות, רוב פון די שמועס פעלט, נאר וואס רבי נתן האט געכאפט דעמאלט אין מח, האט ער גלייך אפגעשריבן].

דערנאך זענען די אנשי שלומינו אהיימגעפארן יעדער צו זיין שטוב, און אויך רבי נתן איז אהיימגעגאנגען צו זיין שטוב אין שטאט נעמירוב.



אילן אילן במה אברכך

# 300 סטע

אליעזר זוסיא ווערטהיימער



# בלעטל

## הקדמה

**ברוך שהחיינו וקיימנו והגענו לזמן הזה שרייט זיך ארויס אין אזא זמן ווען מ'האלט שוין ביים דריי הונדערסטן בלעטל: יא דאס איז א פאקט וואס שרייבט זיך גרינגער ווי די ארבעט וואס ס'ליגט אונטער דריי הונדערט בלעטלעך.**

**יעצט אין אזא זמן מאכט מען זיך א חשבון הנפש, מ'דאנק דעם אייבערשטן אויף וואס מ'האט שוין אויפגעטון ביז אהער, און מ'בעט דעם אייבערשטן אויף ווייטער.**

**אין די זעלבע צייט איז דאס א גוטע געלעגענהייט זיך אראפצוזעצן מיט אונזערע חשובע שרייבערס, גרעפיקערס, און רעדאקטער, הערן פון זיי וויאזוי די ארבעט גייט צו אויף א וועכנטליכע פארנעם און אלעס ארום זייער ארבעט פארן בלעטל.**

**עס איז נישט קיין סוד אז די בלעטל אויסגאבע האט געטוישט די לופט אין יעדע אידישע שטוב וואו דאס קומט אריין, איינמאל מ'כאפט אן דאס בלעטל איז שוין נישט אזוי גרינג אריינצוברענגען אנדערע אויסגאבעס אין שטוב...**

**וואס איז די סוד אונטער דעם? איז דאס די מסירת נפש פון די חשובע בלעטל שטאב פון אנשי שלומינו וואס געבן אוועק שעות אויף שעות וואך נאך וואך?**

**האט דאס צוטון מיטן הערליכן רייכע דיזיין פון פראפעסיאנאלע גראפיקער?**

**איז דאס די הערליכע אופן ווי אזוי דער אייבערשטער ווערט אזוי שיין אריינגעפלאכטן אין אונזערע הערצער?**

**אדער אפשר איז עס די איידעלע ויזיע און טעם וואס די חשובע רעדאקטער ברענגט ארויס פארן ציבור?**

**און אפשר איז עס אלעס אינאיינעם?**

**לכבוד די 300'סטע בלעטל טראגן מיר אייך אויף אן ערשטמאליגן שפאציר אין די קארידארן פונעם בלעטל אפיס, צו זען ווי אזוי די הערליכע קאלירפולע 'בלעטל' האט זיך אנגעהויבן, און ווי אזוי עס האט זיך אנטוויקלט צו זיין אזא אויפגעכאפטע אויסגאבע וואס יעדע ברסלב'ע שטוב קוקט ארויס אויף דעם מיט שפאנונג יעדע וואך.**

**קומט מיט אונז אויף א שפאציר צו מיטהאלטן ווי אזוי די חשובע בלעטל שטאב געבן ארויס זייערע אייגנארטיגע טאלאנט, און אלעס מיט איין ציל: 'אריינצוברענגען דעם אייבערשטן אין אונזערע שטובער.'**

**ליינט און האט הנאה!**

## אברהם הערש וויבערמאן

**מיר הייבן אן מיטן חשובן עורך פונעם בלעטל: א גוטן ר' אברהם הערש, אויב איר קענט מיטטיילן מיט די חשובע ליינערס ווי אזוי עס האט זיך אנגעהויבן די הערליכע קאלירפולע וועכנטליכע בלעטל?**

א גוט יאר ר' אליעזר זוסיא נ"י. די מעשה האט זיך אנגעהויבן די ערשטע זומער ווען די שטעטל האט זיך געעפענט - שנת תשע"ט. דער ראש ישיבה איז געקומען באזוכן די שטעטל אין א וואכן טאג, מ'האט געדאוונט צוזאמען שחרית אינעם ערשטן בית המדרש ביי די בעיסמענט פונעם מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א, נאכן דאווענען האט זיך פארמירט א שטיקל שמועס, בתוך הדברים האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז עס וואלט געווען גוט ס'זאל ארויסקומען א בלעטל וואס אנטהאלט אין זיך מעשיות פון תפילה, און נייעס פון שטעטל. ער האט נישט געזאגט אז איך דארף דאס ארויסגעבן, אבער דער אייבערשטער האט געפירט אז איך האב דאס גלייך גענומען פאר מיר.

די ערשטע בלעטל איז ארויסגעקומען פרשת נצבים תשע"ט הארט פאר ראש השנה תש"פ, עס איז באשטאנען פון צוויי זייטן שווארץ און ווייס אזוי ווי א גליון, די ערשטע זייט האט געהאט מעשיות פון תפילה, נייעס, א שטיקל מודעה, א ברוכים הבאים. אויפן צווייטן זייט איז געווען א בריוו פונעם ראש ישיבה.

אזוי איז עס געלאפן פאר גאנצע צוויי יאר ביז ראש השנה תשפ"ב, וואס דעמאלט האט מען זיך פארברייטערט, מ'האט עס געטוישט עס זאל זיין אין קאליר, עס האט באקומען א פנים פון א אויסגאבע.

ס'איז צוגעקומען פרישע אפטיילונגען ווי היכל הקודש נייעס, א מעשה פון א צדיק, פארזעצונג פונעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל, בילדער אפטיילונג, און חידות אפטיילונג פאר די קינדער.

אביסל שפעטער איז צוגעקומען נאך אפטיילונגען, ווי למשל א סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א, א פולע קינדער אפטיילונג, וואס אגב דער ערשטער וואס האט געארבעט דערויף איז געווען הרב יחזקאל שארף שליט"א. ער פלעגט יעדן זונטאג אוועקגעבן צייט דאס צו אהערשטעלן.

שפעטער האט דער מנהל שליט"א מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א אנגעהויבן שרייבן די היסטאריע פונעם שטעטל, און די באוויסטע 'צום פינטל' קאלום. אזוי אויך האט מו"ה יואל מנחם גרשון שניצלער הי"ו אנגעהויבן ארייינשיקן בריוון צום בלעטל, וואס שפעטער האט מען דאס שוין פארמירט פאר א באזונדערע אפטיילונג וואס ווערט היינט גערופן 'פנינים'.

א שטיק צייט איז געווען א אפטיילונג "נקודות טובות" בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן וואס מ'האט געהערט פון אנשי שלומינו דא דארט.



אזוי אויך איז געווען א שטיק צייט אן אפטיילונג מיטן נאמען "די פרשה פון די וואך מיט אנדערע ברילן" וואס דער מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א האט געשריבן און איז געווען געבויעט אויף די פרשה. און א שטיק צייט איז געווען א קאלום "היסטאריע ווינקל".

אזוי אויך האט מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו אנגעהויבן שרייבן א וועכנטליכן קאלום די דעמאלטס'דיגן נאמען איז געווען "מיט א טיפערן בליק".

דערנאך איז צוגעקומען אונזער גוטער שרייבער מו"ה משה ארי' שניצלער אינטערן קאלום "געדאנקען".

ביי די ימים טובים האט מען געהאט א גרעסערן בלעטל, מ'האט געהאט שיינע באשרייבונגען אדער אינטערוויוס.

פסח תשפ"ג האט זיך אנגעהויבן די פרויען אפטיילונג, צום ערשט האט געשריבן מ. פאפנהיים, אזוי אויך ח. שטעסל האט געהאט א קאלום מיטן נאמען "מיט א צדיק אן א צדיק".

שפעטער איז צוגעקומען א פרויען אפטיילונג פון מעשיות פון תפילה.

א שטיק צייט שפעטער האט ל. שיינער אנגעהויבן ארײַנשיקן ארטיקלען.

ל. לב האט געשריבן פון צייט צו צייט.

ש. ל. פליישמאן האט שפעטער אנגעהויבן צו שרייבן די וועכנטליכע קאלום פון א שיעור אין גראמען וואס גייט נאך ברוך השם ביזן היינטיגן טאג.

אזוי אויך האט ח. ה. מינצבערג געשריבן א שטיק צייט שיינע ארטיקלען.

מיט די צייט איז צוגעקומען רעסעפיס (הלוואי וואלט געווען איינער וואס ארבעט דערויף עס זאל זיין א רעסעפי יעדע וואך).

די קינדער אפטיילונג איז צוביסלעך געווארן גרעסער מיט






בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

**ערב שבת קודש לסדר כי תבוא לאומאן, כ' אלול, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן די זכיה צו משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן מיטן אויפשטעלן מוסדות על שם רבינו, און פארשפרייטן די עצות און לימודים פון רבי'ן פאר די גאנצע וועלט.

אז מיר וועלן זיך אביסל מתבונן זיין וויפיל מיר זענען שולדיג פאר'ן רבי'ן וועלן מיר זען אז וויפיל מיר וועלן באר טון וואס דאס נישט צוקומען ניטאמאל צו א טפה מן הים וויפיל מיר זענען שולדיג דעם רבי'ן פאר אונזער שיינע לעבן וואס ער געבט אונז.

שטארק זיך ברודער און זיי ממשיך מיט'ן העלפן דעם מוסד: איך האף אז דו וועסט מיר העלפן אין אומאן אז דער יום טוב ראש השנה זאל אריבערגיין מיט אלע באקוועמליכקייטן, אין דעם זכות וועסטו זוכה זיין צו א שנה טובה מבורכת.

געב איבער א גריס פאר אלע אינגעלייט אין שטעטל: זאג זיי אז לעת עתה בין איך נישט דארט בגוף אבער מיין קאפ און מח איז דארט. איך זארג פאר'ן חינוך און פאר די עתיד פון די קינדער: די מלמדים און טיטשערס רעדן צו מיר יעדן איינציגסטן טאג, מיר גייען דורך יעדע פרט ופרט פונעם מוסד, פון יעדע קינד באזונדער.

א גוט שבת.

א כתיבה וחתימה טובה.

# ה ז מ נ ת

עס איז אונז
אייניגלאדענען פערזע

וואס ווע
אייבערשטנ'ס ה

י"ג שבט

דינסטאג פרשת יתרו

ה ב ע ל " ט

Feb. 3 ולמספרם

# מסיבת הכרת הטוב

פאר אלע
תשובע תומכים
פון קרן הדפסה

התחלת המ

ישיבה ראש | אורח

מו"ה אליעזר זוסיא ווערטהיימער | מו"ה מאיר בערקאוו

הי"ו 8:00 | הי"ו 30

חלוקת פרסים פאר אלע תו



משא המעמד
מורינו
הראש ישיבה
שליט"א
9:45

הסעודה נתנדב ע"י הרבני הנגיד מו"ה בניהו א

*sruliHeskel

כ ב ו ד

יומא דהילולא קדישא
פון אונזער הייליגער
רבי מוהרא"ש
זיעוק"ל

א כבוד אייך
נליך יום גרויסן מעמד

ט מיטן
ילף פארקומען

אין די פראכטפולע זאלן
Valley Terrace
121 College Rd,
Monsey, NY 10952

עמד 7:45

ה כ ב ו ד
ה
מרדכי
וויטש
8:

ד ב ר   ה מ ו ס ד
מו"ה
לייבי
ראטה
הי"ו
9:15

מכים פון 'קרן הרפסה' 9:25

א שיינע מתנה וועט פארטיילט ווערן פאר אלע משתתפים ביים דינער



ונגאר הי"ו וזוגתו תחי' לע"נ מוהרא"ש זיעוק"ל

מער געדאנקען. די ערשטע בלעטל פארמעסט איז לכאורה געווען שבועות תשפ"ד.

און ווער קען דען פארגעסן פון די הערליכע רייכע קאמיקס, מעשיות פון מוהרא"ש, וואס איז געלאפן פאר א לאנגע צייט יעדן איינציגסטן וואך.

ביז מ'שטייט שוין היינט ביי א פילע מענער, פרויען און קינדער אפטיילונג, מיט נייעס, ארטיקלען, מעשיות פון תפילה, פארזעצונגען, און אזוי ווייטער. מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען גיין ווייטער און ווייטער.

**פאר מען גייט ווייטער, וויל איך פרעגן, דאס איז היינט-צו-טאגס לכאורה די איינציגסטע פולע קאלירפולע אויסגאבע אין די וועלט וואס פארמאגט אזוי סאך אינטערעסאנטע אינהאלט און ארטיקלען וואס קיין איינס פון די שרייבערס, דיזיינערס, מגיהים, ווערן נישט באצאלט מיט געלט פאר זייערע ארבעט. איז ווי אזוי קענסטו געבן די חשק און די מאטיוואציע פאר די גאנצע שטאב צו טון זייערע ארבעט יעדע וואך?**

דאס איז זייער א גוטע שאלה. איך פרוביר פון מיין זייט זיך צו באדאנקען ווען איינער שיקט אריין זיין ארבעט, מ'זאגט אן אמת'ע גוט ווארט אויפן ארטיקל, דאס גיבט א שטארקע שטופ. ווי אויך דאס אז מענטשן זענען זיך מחזק דערמיט מ'הערט צוריק פונעם עולם גוטע פידבעק, איז לכאורה די גרעסטע חיזוק אנצוגיין, ווייל אונזער ציל איז טאקע נישט "געלט", נאר די מטרה איז אריינצובערענגען דעם אייבערשטן אין די וועלט, מיר טוען דאס פשוט אויף אזא וועג פון א קאלירטע אויסגאבע. אבער די אמת'ע שטופ איז ווייל מיר האבן א ציל אריינברענגען דעם אייבערשטן אין די וועלט, וואס אויב מ'האט דעם ציל גייט די ארבעט גרינגער.

**אויב מ'מעג פרעגן, מ'בעט געלט פאר די עדווערטייזמענטס פון היכל הקודש צוועקן, ווי למשל בית התבשיל, כולל, בית הדפוס, רענט קאמפיין וכדומה? אויב יא, וויפיל? און צו וואס ניצט מען די געלט?**

מ'בעט געלט צו עדווערטייזן אינעם בלעטל, אלע צוועקן פון די קהילה באקומען א ספעציעלע בעסערע פרייז, די געלט דערפון גייט צו אויפהאלטן דעם בית הדפוס.

**וואס איז דיין וועכענטליכע ארבעט אין דעם בלעטל?**

מיין ארבעט איז די ארבעט פון א רעדאקטער. דאס הייסט, שטיין איבער אלעס וואס טוט זיך אינערהאלב די בלעטל, פונעם צאמנעמען אלעס וואס מ'שיקט אריין, עס גרונטליך איבערגיין, זען עס זאל זיין אויסגעהאלטענע ווערק וואס עס פאסט פאר א היכל הקודש אויסגאבע, און אזוי אויך פרוביר איך איבערצוקוקן פון טעותים (מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו און מו"ה ישראל קרויס קוקן דאס איבער נאך מיר אויב עס איז נאך דא ספעלינג טעותים און אזוי ווייטער. אנפאנג פלעגט עס מו"ה יואל שניצלער הי"ו איבערקוקן), ביזן אריינלייגן אין אינ-דעזיין און אלעס שטעלן אין פלאץ מיט די ריכטיגע בילדער און אזוי ווייטער, עס נעמט שעות אויף שעות.

ביי אנדערע אויסגאבעס איז די ארבעט צוטיילט צווישן אפאר מענטשן, דא איז ביזדערווייל מיין ארבעט.

**דאס הייסט אז די אויסשטעל פון די ארטיקלען איז דיין ארבעט, איז דאס נישט די ארבעט פון די גראפיקער?**

ניין, ר' ישראל מיט ר' בערל טוען נאר די איינמאליגע ארבעט דערפון, אבער אויף א וועכנטליכע פארנעם ווערט עס געמאכט דורך מיר.

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

איך וואלט געזאגט בערך צווישן 15 - 20 שעה א וואך. רוב ארבעט ווערט געטון זונטאג.

**איז אמאל געווען אזא זאך אז א בלעטל איז שוין געווען פארטיג נאכן פרינטן און עס האט נישט געקענט ארויסקומען מאיזה סיבה שהיא?**

דערמאנסט מיר וויאזוי עס איז צוגעגאנגען די ערשטע פאר יאר. ווען די בלעטל איז געווארן פארטיג האב איך עס געשיקט פארן ראש ישיבה איבערצוקוקן, אן זיין לעצטע ווארט האט דאס נישט געקענט גיין צום דרוק, און אז דער ראש ישיבה איז צוריקגעקומען מיט הגהות, האט מען עס געדארפט פאררעכטן, און הערשט נאכדעם האט מען עס געקענט שיקן צום דרוק.

נאך אפאר יאר האט דער ראש ישיבה איבערגעגעבן זיין ארבעט פארן מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א, ער האט גרונטליך איבערגעקוקט דעם גאנצן בלעטל, און צומאל צוריקגעקומען מיט הגהות וואס איז געווען שווער צו טוישן, ווייל די גרעפיק איז געווארן געמאכט דורכן גרעפיקער, און ער איז נישט געווען פונקט גרייט צו קענען דאס פאררעכטן, במילא האט ער געקענט



ווערן אויפגעהאלטן ביז מ'האט דאס געקענט שיקן צום דרוק.

**ווי אפט באקומסטו גריסן אדער קריטיק אויפן בלעטל?**

יעדע וואך באקומט מען פוןביידע ברוך השם.

**אויף וועלכע בלעטל האסטו באקומען די מערסטע גריסן?**

ס'איז א גוטע שאלה, לכאורה יעדע מאל ווען עס קומט צו א נייע אפטיילונג, ווי למשל יעצט אז אונזער שרייבער מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו האט אנגעהויבן אהערשטעלן אינטערוויוס הערט מען צוריק מער.

**אין וועלכע בלעטל איז אריין די מערסטע כח און ארבעט?**

ביי די ימים טובים בלעטלעך גייט אריין די מערסטע ארבעט, די סוכות אויסגאבע איז די שווערסטע, ווייל די צייט דעמאלט איז זייער ענג, מ'האלט נאך אומאן, מ'איז אויסגעמוטשעט, מ'האט קוים צייט, אבער ברוך השם דער אייבערשטער העלפט.

**ווי אפט באקומסטו הערות פונעם ראש ישיבה אויפן בלעטל?**

אמאל ווען דער ראש ישיבה האט עס איבערגעקוקט האב איך געהערט יעדע וואך, לעצטנס הערט מען נישט צו סאך, פשוט ווייל עס פארט ברוך השם יעדע וואך צום גוטן. אפאר וואכן צוריק האט מיך דער ראש ישיבה געזאגט אז די בלעטל ווערט שענער און שענער, עס איז אנגעפולט מיט "אייבערשטער".

**אויב איז דא איינער וואס האט א געדאנק און ער קען מאכן פון דעם אן ארטיקל, איז דיר א טובה אז ער זאל עס אפשרייבן און אריינשיקן?**

יא, אדרבה ואדרבה, מ'קען אלץ אריינשיקן אויב מ'האט עפעס אן ארטיקל א געדאנק וכדומה, אבער פון די אנדערע זייט דארף מען אויך וויסן אז יעדע ארטיקל וואס מ'שיקט אריין, קוקט מען גוט אדורך פון אלע זייטן אויב ס'איז ראוי אריינצוגיין, במילא ווען מ'שיקט עפעס דארף מען זיין גרייט ס'דא שאנסן אז דאס וועט נישט אריינגיין צום סוף.

**איז די בלעטל א מאגאזין וואס ווערט געליינט נאר דורך אנשי שלומינו, אדער אידן איבער די וועלט ליינען דאס אויך?**

דאס איז נישט עפעס וואס מ'קען וויסן קלאר, אבער דאס איז זיכער אז במשך די יארן האב איך שוין אסאך צוריק געהערט אז אידן פון אנדערע פלעצער האבן דאס געליינט און זייער הנאה געהאט, יעדער איינער פון א אנדערע נקודה. איך האב שוין געהערט פון רבנים וואס ליינען דאס, דיינים, און אזוי ווייטער.

**וואו נאך איז דא צו באקומען די בלעטל חוץ פון עס באקומען אין פאסט פונעם בית הדפוס?**

עס איז דא צובאקומען ביים ליל ששי שיעור, אין אלע שולן וואו מען האלט מיט די שיעור. אין ארץ ישראל איז עס אויך דא צו באקומען ביי אלע געגענטער וואו מ'קומט זיך צאם. אזוי אויך קען מען עס באקומען אויף ברסלב סענטער און ביים זייטל gilyoines.com וואו אויך אויף bletelmagazine.com

**מיט וואס קענען אונז ליינער ארויסהעלפן אדער פארגרינגערן דיין הייליגע ארבעט?**

מיטן זיך באדאנקען און זאגן עפעס א ספעציעלע זאך פון וואס מ'האט הנאה געהאט.

**א גרויסן שכח חשובער רעדאקטער פארן אונז דערקוויקן יעדן איינציגסטן וואך אן א אויסנאם, דער אייבערשטער זאל דיר באצאלן מיט אלעס גוטס.**

## אברהם משה שטראססער

**יעצט גיימיר אריבער צום שרייבער פונעם באקאנטן קאלום "צום פינטל" פון וואס אלע האבן שטארק הנאה און קוקן ארויס דערויף.**

**א גוטן חשובער מנהל ר' אברהם משה, וואס איז דיין חלק ארבעט אין די הערליכע קאלירפולע וועכענטליכע בלעטל?**





איך שרייב פון מאל צו מאל ווען עס רינט מיר ארויס אן ארטיקל פון מח... און איך האב שרייב געצייג דערנעבן... און איך האב די צייט צו שרייבן...

**ווען און ווי אזוי ביסטו אריין אין די 'בלעטל שטאב'?**

איך בין נישט פון די שטאב, מיין ארבעט אין בלעטל האט זיך אנגעהויבן לכאורה מיט דעם אז היות איך בין געווען דער פיאנער, דער ערשטער זיך ארויסצוציען אין שטעטל, האט דער ראש ישיבה מיר געבעטן צו באשרייבן די התייסדות פונעם שטעטל, מיינע זכרונות. דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז ער וויל אז לכבוד יום טוב זאל זיין א דיקערע בלעטל, ווייל די מטרה פון די בלעטל איז אז מען זאל האבן אייגענע כשר'ע מאטריאל, און יום טוב ווען עס איז דא א סאך ליידיגע טעג זאל עס זיין פילער.

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אז עס וואלט געווען א גוטע

עצה אז איך זאל אפשרייבן ווי אזוי די שטעטל האט זיך געעפענט. דאן האב איך געשריבן חלק א' אין די פסח בלעטל און חלק ב' אין די סוכות בלעטל, דאס איז לכאורה געווען מיין ערשטע ארטיקל אין בלעטל. פון דעמאלטס האב איך שוין אנגעהויבן שרייבן ווי געזאגט פון צייט צו צייט. מיין שרייבעריי איז באקאנט אלס דער באהאלטענער... "צום פינטל" שרייבער, אבער איך האב אסאך ארייגעלייגט אין שרייבן אונטערן רובריק פון "שפעקולאציעס", "אונזערע פרשיות מיט אנדערע ברילן", ווי אויך צומאל "היסטאריע", און ליקוטים פון ספרי מוהרא"ש זי"ע און להבח"ל דער ראש ישיבה שליט"א לקראת הילולא.

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

איך געב לכאורה נישט אוועק קיין צייט דערפאר, איך שרייב ווען עס קומט מיר אריין אין געדאנק, איך שרייב כסדר סיי ווי, איך בין געבוירן מיטן פעדער אין די האנט, איך שרייב כסדר פאר מיר אליין, און צומאל שרייב איך פארן בלעטל נישט מיט קיין באשטימטע צייט, אויב איז דא עפעס וואס האט צו טון מיט צייט איז עס אז געווענטליך ווערן מיינע ארטיקלען אנקומען צו די רעדאקציע א מינוט נאך די לעצטע מינוט... חוץ מזה זע איך נישט דא קיין צייט אינוואלווד.

טייל מיט ווי אזוי עס באשאפט זיך א געדאנק פון אן ארטיקל

איך ווייס נישט וואס אנדערע שרייבער טוען, איך ווייס נישט ווי אזוי מען קען שרייבן יעדע וואך, ביי מיר האט עס צוטון זייער שטארק מיט די גוסטע (מאאד בלע"ז), צו איך האב נערוועז צו איך האב נישט קיין נערוועז, עס איז כמעט נישט דא אזא זאך 1 2 3 שרייב... און אויב יא דערקענט זיך אז דאס איז געשריבן געווארן לשם שרייבן... ביי מיר גייט עס, אז עס שווימען ארום געדאנקען ביי מיר אין מח.

איך האב געזאגט אמאל אין אן אינטערוויו אויף קול ברסלב אז איך האב אסאך מאל גג על גג חידושים, ווערטלעך און ארטיקלען, עס וואלט ווען געדארפט זיין א פרינטער וואס מען קען צושטעפענען צום מח... אן ארטיקל ווערט באשאפן אין קאפ, עס בליצט אריין א געדאנק נאך א געדאנק און נאך א געדאנק, און ווען עס ליגט שוין די ארטיקל אין קאפ דארף מען עס פשוט ארויסנעמען און לייגן אויף פאפיר. אין די ערשטערע צייטן וואס איך האב מיך מער משעבד געווען צו שרייבן וועכענטליך, (עס זענען נאך דאן כמעט נישט געווען קיין אנדערע שרייבערס אין בלעטל) האב איך געקענט ארויסגיין זיך מתבודד זיין און בעטן 'הייליגע באשעפער איך דארף שרייבן, בליץ מיר אריין די ריכטיגע געדאנקען' און עס איז אריינגעקומען אמאל שטערקער אמאל שוואכער.

אבער היינט אפילו איך געב בכלליות איבער מיין טאג צום אייבערשטן בין איך בעיקר פוקאסירט אויף בכלליות אז מיינע מחשבות דיבורים און מעשים זאלן ארויסקומען חיזוק פאר מענטשן, ווייל איך בין עוסק סיי אין רעדן צו די בחורים וואס מען קען ח"ו מיט איין נישט גוט ווארט הרג'נען א קינד, און דאס זעלבע פארקערט, איך שנייד און שיק די חיזוק יומי וואס קומט אן טעגליך צו הונדערטער טויזענטער איבער די וועלט וואס דאס איז א געוואלדיגע זכי' און צו די זעלבע צייט א געוואלדיגע אחריות, און דאס זעלבע איז מיטן שרייבן, אבער איך בעט שוין כמעט נישט היינט - ווען עס זענען שוין דא אזויפיל גוטע שרייבער - אז איך זאל קענען שרייבן.

**איז שוין אמאל געווען אז דו האסט געהאט א פארטיגע ארטיקל און עס איז נישט אריין אין בלעטל מאיזה סיבה שהיא?**

יותר ממה שקריתי לפניכם כתוב כאן, דאס וואס גייט אריין אין בלעטל איז א פראצענט פון וויפיל איך האב געשריבן, זייער אסאך האב איך אנגעהויבן און נישט געענדיגט, פילע ארטיקלען זענען לכתחילה נישט געמאכט געווארן אויף צו ווערן פובלוצירט, און... עס זענען שוין געווען ארטיקלען וואס איך האב יא געשריבן און אנגעגרייט פארן בלעטל און עס איז נישט אריין,  און די סיבה איז פארשטענדליך, פאר ווער עס קען מיין שארפע וועג פון שרייבן, ווייסט אז אויב האט עס נאר איין פינטל, דארף מען שוין פון דעם אליין אויך אכטונג געבן נישט צו כאפן קיין שטאך... אבער צומאל האב איך געשריבן צופיל אמת... און ווי באקאנט טוט די אמת זייער וויי... און מיט רעכט האט דאס נישט געקענט פובליצירט ווערן מטעם הבלעטל וועגן די אויבענדערמאנטע סיבות.

**באקומסטו גריסן אויף דיינע ארטיקלען?**

יא כסדר, און דאס געבט מיר טאקע מער חשק צו שרייבן מער...

**אויף וועלכע ארטיקל האסטו באקומען די מערסטע גריסן?**

לכאורה אויפן שפעקולאציע 'טעראריסט אדער טעראפיסט', "איוו-רייט". און צום פינטל מיטן קעפל "זאמד אין די אויגן", "ס'דאכצעך מ'פארצעך מ'טוטצעך" "זאלן זיי שרייען פוי דערוויילל", די אלע האבן געלאזט לאנגע שאק כוואליעס פון וואס איך האב באקומען גריסן לטב ולמוטב פון איבער די גארער וועלט. א לאנגע תקופה דערנאך האב איך נאך באקומען גריסן פון מענטשן אז עס ליגט זיי איינגעבאקן טיף אין די ביינער.

**האסטו שוין באקומען הערות פונעם ראש ישיבה אויף דיין ארבעט?**

יא. ב"ה אז דער ראש ישיבה האט אלעמאל געהאט מיט מיר אן אפענע שפראך, געזאגט און געשריבן וואס ער האט געהאלטן אז ער דארף מיר זאגן, עס איז דא אין די בריוון ווי דער ראש ישיבה שרייבט מיר אז איך פאטשקע צופיל צייט מיטן שרייבן אין די צייט וואס איך דארף ברענגען געלט פאר די מוסדות, און פון די אנדערע זייט האב איך באקומען זייער אסאך מאל א הסכמה דירעקט און וואס איך האב נאכגעהערט פון אנדערע "פארפאלן, אברהם משה איז א גוטע שרייבער..." סיי ביי די ארטיקל מיטן נאמען "איך זיך (זוך) מיך" און סיי די צוויי אויבערנדערמאנטע צום פינטל ארטיקלען, און די שפעקולאציעס 'טערעפיסט טעראריסט' וואס עס האט בשעתו ארויסגערופן א שטורעם צו זיין געשריבן זייער שארף, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז זיין מאמע האט עס געליינט און זי האט געזאגט אז עס איז ווייט ווייט נישט אנגעהויבן צו שרייבן בכלל, דהיינו עס איז סאך ערגער פון דאס וואס איך האב געשריבן.

דו ווערסט דאך נישט באצאלט (מיט געלט) פאר די הייליגע ארבעט, איז ווי אזוי ביסטו זיך מחזק אין א וואך וואס דו האסט נישט קיין געדולד און חשק צו שרייבן אן ארטיקל?

ווי געזאגט, יא געלט, נישט געלט, איך ווייס נישט ווי אזוי מען שרייבט ווען מען האט נישט קיין געדולד און איך שרייב טאקע נישט, און אויב באצאלט, באקום איך באצאלט מיט זאכן וואס מען קען נישט קויפן מיט געלט, דארט ווי געלט ענדיגט זיך דארט הייבט זיך אן דעם רבינ'ס צאלן, די גרעסטע ביליאנערן קענען נישט קויפן קיין איין איינציגע זאך וואס דער רבי באצאלט מיר יעדן טאג פון מיין לעבן אפילו זיי זאלן אויסשפענדן זייער גאנצע פארמעגן.

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמאטיווע תשובות! אויב דו קענסט צוענדיגן מיט א ווארט אויפן חשוב'ן רעדאקטער**

אברהם הערש איז א חידוש נפלא, בעצם די גאנצע ענין פון בלעטל איז א חידוש נפלא ווי עס האט זיך אנגעהויבן איין זייט ווייסע פאפיר און יעצט איז עס געווארן די פערמענאנטער ברסלבער צייטונג, עס איז נאר צו פארדאנקן די איבערמידליכע ארבעט פון אונזער געטרייער רעדאקטאר פאר אהערשטעלן דו בלעטל

**א גרויסן שכח מנהל פאר דיינע געוואלדיגע ארטיקלען, הלוואי וואלט געווען אן ארטיקל יעדע וואך. דער אייבערשטער זאל דיר געבן כח און געדולד צו שרייבן ווייטער און מחי' זיין אידישע קינדער.**



## משה ארי' שניצלער

**יעצט גייען מיר אריבער צום חשובן שרייבער מו"ה משה ארי' הי"ו, צו הערן פון אים ווען און וויאזוי זיין ארבעט מיטן בלעטל האט זיך אנגעהויבן.**

איידער איך וועל ענטפערן אויף די פראגעס וואס איז געווארן געשטעלט אין ראמען פון אט דעם אינטערוויו, וויל איך דאנקען דעם אייבערשטן פאר די געוואלדיגע זאך פון קענען זיין א חלק פונעם בלעטל.

אז דער ראש ישיבה זאגט אז מען דארף צושטעלן ליין מאטריאל וואס רעדט פון "אמונה" און "צדיק", איז מיר א זכי' צו קענען זיין א חלק פון דעם.

עס איז מיר נישט בכלל געווען עולה על הדעת צו ווערן א חלק פון די בלעטל, נאר דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט איך זאל עס טון.

עס איז געווען עטליכע טעג נאך פסח תשפ"ב, איך בין געווען אין אפיס פונעם ראש ישיבה, דעמאלטס איז נאכנישט געווען די אפיס אויסשטעלן אזוי ווי יעצט, די וואנט וואו עס איז יעצט די זייטיגע טישל, האט געהאט צוויי בענקלעך, גלייך נעבן די טיר, איך בין געזיצן אויף איינס פון די בענקלעך, און גערעדט מיטן ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה פרעגט מיך "האסט גארנישט געשריבן אין די בלעטל פון פסח?"

נו, אז דער ראש ישיבה זאגט אזוי, איז אומר ועושה.

ראש השנה תשפ"ב איז געווען די ערשטע יום טוב וואס די בלעטל איז געווען פול קאלירט (full color).

אזוי ווי דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט די אויבן דערמאנטע ווערטער האב איך אנגעהויבן אנצוגרייטן אן ארטיקל אויף די קומענדיגע יום טוב, וואס איז געווען שבועות.

אויב איך געדענק גוט, האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה צו עס האט א פשט צו שרייבן לכבוד שבועות פון די נסיעה קיין אומאן, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יא.

און ברוך השם ס'איז געווען א שיין ארטיקל.

אבער עס איז מיר נאכנישט געווען עולה על הדעת צו שרייבן וועכנטליך.

אזוי ווי איך האב ברוך השם באקומען גוטע גריסן פון די ארטיקל פון די נסיעה קיין אומאן אום סעפטעמבער עלעווען למספרם, האב איך געשריבן עטליכע ארטיקלען דא און דארט.

אין חודש שבט תשפ"ג האט חתונה געמאכט איינער פון אנשי שלומינו, און עס איז געווען צוגעשטעלט א שבע ברכות. די שבע ברכות איז פארגעקומען אין בית המדרש אין ווילאמסבורג.

עס איז געווען גערופן אויף אכט אזייגער, און אזוי ווי אסאך מאל האב איך ליב צו קומען פרי, ספעציעל אויף א מסיבה וואס איך וועל אפשר האבן איין טראפ מער שאנס צו האבן איין מינוט מער מיטן ראש ישיבה, בין איך דעמאלט געווען דארט אום אכט אזייגער, און למרבות הפלא, צוויי מינוט נאך מיר איז דער ראש ישיבה אריין געקומען.

דער ראש ישיבה האט זיך געזעצט, קיינער איז נישט דארט געווען פאר א שיין ביסל צייט, נאר איך און דער ראש ישיבה.

דער ראש ישיבה האט אביסל געשמועסט מיט מיר, און איך האב דערציילט א אינטערעסאנטע מעשה וואס איך האב געהאט, אז איך בין געווען עטליכע טעג צוריק נאך געלט ביי א חתונה אין כתר רייזל, און איינער קומט צו מיט א נתינה, אפילו איך בין בכלל נישט צוגעגאנגען צו אים, ער קומט מיט א קרעדיט קארד און געבט 36 דאלער, און ער רעדט צו מיר אויף ענגליש, אזוי ווי איינער וואס איז אויפגעוואקסן אין א שטוב ווי די שפראך איז ענגליש, ער גייט מיט א שטריימל, די פאות פארקניפט אויפ'ן

אויער, און ער געבט מיר א זאג אויף ענגליש, א גרוס פון דיינע ארטיקלען אין בלעטל! (regards from your writings in the bletel). די ווערטער קען איך נישט פארגעסן, עס איז מיר געווען זייער וואונדערליך ווי א אינגערמאן פון דעם גאטונג זאל זיין אזוי מקושר צו די זאכן וואס קומען ארויס פון היכל הקודש, איך האב נישט געקענט אליין אויסטראכטן אז עס גייט טאקע אזוי ווייט.

אזוי ווי איך דערציייל דאס, זאגט דער ראש ישיבה "איך ווייס טאקע נישט פארוואס דו שרייבסט נישט יעדע וואך אין בלעטל".

גלייך האב איך אפגעמאכט איך וועל טון וואס דער ראש ישיבה זאגט, פון דעמאלטס, פרשת תרומה תשפ"ג שרייב איך יעדע וואך, קיינמאל נישט פארפעלט, ברוך השם, אפשר איינמאל, אבער נישט מער.

איך פלעג נישט האבן קיין אפיס ביז אנהייב ווינטער תשפ"ד. אנהייב ווינטער תשפ"ד האט מען מיך געלאזט וויסן אז איך וועל האבן א אפיס פאר די כולל פאנדרעיזינג וואס וועט זיך געפינען אין בנין פון קרן הדפסה, אויף רוט 52. בערך א יאר שפעטער האט מען גערוקט די כולל אפיס נעבן די הצלה גאראדזש, נעבן שאפ-רייט און וואלגרין פארמאסי.

אלזא, ווען איך האב אנגעהויבן שרייבן וועכנטליך בין איך געווען אפיס-לאז, פלעג איך דארפן גיין אין די קיאסק, אויף בעדפארד, צווישן פארק און פלאשינג, און באצאלט פון מיין אייגענע טאש צו קענען צושטעלן ליין מאטריאל אז מען זאל נישט דארפן ליינען פון בערד-לאזע און מקוה-לאזע און צדיק-לאזע און מורה-דרך-לאזע.

נישט אלעמאל האב איך געהאט די געלט וואס עס קאסט די קיאסק, ס'איז געווען צייטן וואס איך בין געווען זייער געדרוקט, עטליכע מאל איז געווען וואס איך האב געדארפט גיין נאך צדקה אין די ארומיגע הייזער צו האבן די צוואנציג דרייסיג דאלער פאר די קיאסק, אבער ס'איז מיר געווען א זכי' צו קענען העלפן.

איך בין פול מיט לויב און דאנק צום אייבערשטן אז מען קען טון א ברעקעלע פון א ברעקעלע פון די עבודת הקודש הנקרא הפצה.

איך פיקטשער מיך אלעמאל א בילד ווי עס שטייט א פאראמעדיק און ברענגט צוריק א מענטש פון טויט, א מענטש אן א פולס, א מענטש אן א אטעם, דער מעדיק מאכט סי. פי. אר., ברענגט צוריק דעם פולס, ברענגט צוריק דעם אטעם, אינמיטן בעט דער מעדיק מען זאל אים דערלאנגען דאס מיט יענס וואס ער דארף האבן צו ראטעווען דעם פאציענט פון טויט.

אזוי פיקטשער איך זיך אלעמאל ווי דער ראש ישיבה איז אזוי ווי א מעדיק וואס ראטעוועט דעם בן מלך פון טויט, דער ראש ישיבה דערמאנט נשמת ישראל צו צוריק גיין צום אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן, שמועסן מיט'ן אייבערשטן, דערציילן דעם אייבערשטן זאכן וואס דרוקט, און וואויל איז דער וואס שטייט צו די האנט פאר דעם רופא נפשות און דערלאנגט אים דאס מיט יענס וואס געברויכט זיך צו ראטעווען דעם בן מלך פון טויט.

אויך טראכט איך אסאך פון א שיף, וואס דארף דורך שווימען דעם ים הגדול, דער קאפיטאן שטייט ביים רודער און פירט די שיף מיט גרויס געניטקייט, דאס איז ווייל ער האט מענטשן וואס טוען די צווייטראנגיקע ארבעט אויפ'ן שיף, אויב וועט דער שיף קאפיטאן, דער ים-הגדול-מומחה, דארפן זיין ביזי צו דערלאנגען עסן פאר די רייזנדע אויפ'ן שיף, נו, ווי אזוי וועט די שיף אנקומען צום ציל?! דער הויפט קאפיטאן שטייט דאך ביים אייער שפייז טאפ?!

אזוי טראכט איך אלעמאל, אז די וואס נעמען אוועק ארבעט פונעם ראש ישיבה, זיי האבן א חלק אין דעם אז דער ראש ישיבה זאל אנקומען מיט שרייבן די הייליגע אמונה בריוון, און זאגן די הייליגע אמונה דרשות, די אלע מענטשן אין די קהלה וואס זענען נושא בעול, האבן א דירעקטע חלק אין דעם וואס דער ראש ישיבה רופט אויס יעדן טאג פאר די גאנצע וועלט אז יעדער קען זיין נאנט מיט'ן באשעפער, אז יעדער קען מצליח זיין אין לעבן.

וואיל איז דעם וואס שטייט צו די האנט און פרעגט: וואס נאך קען איך עפעס ארויסהעלפן? וועלעכע דאגה קען איך אפשר אראפנעמען פון דער ראש ישיבה'ס קאפ?

און אפילו אויב איך מיין אז איך בין נישט פון די טויגליכע, אפשר קען איך העלפן די וואס העלפן?

אז איך קען נישט מאכן א מאגאזין, אפשר קען איך העלפן דעם וואס מאכט די מאגאזין? אפשר קען איך העלפן ר' אברהם הערש וואס געבט זיך אזוי אוועק פאר די מאגאזין? אפשר קען איך אים ברענגען אן ארטיקל יעדע וואך?

אז איך בין נישט געמאכט צו זיין א גבאי אין א שול, אפשר קען איך העלפן דעם גבאי?

אז איך בין נישט געמאכט צו זאגן תורה, אפשר קען איך העלפן דעם וואס זאגט תורה, דורך נישט רעדן בשעת די דברי תורה?

איך וויל אויסדרוקן הכרת הטוב פאר דער ראש ישיבה פאר מיר געבן די זכי' צו זיין א חלק פון די אוניווערסאלע "אייבערשטער" רעוואלוציע, עס גייט טאקע שטייט, אבער עס גייט שטארק.

Slow and steady.

די גוים וואס האבן חרוב געמאכט ירושלים ביים חורבן הבית, האבן געהאט א סטראטעגיע, זיי האבן געהאט גרויסע קאנאנען אויף גרויסע רעדער, מיט א שפיציגן אייזערנעם שפיץ, מען האט געגעבן איין שמייס אריין אין די מויער פון ירושלים, און ס'איז אראפגעפאלן קליינטשיגע פיצעלע ברעקעלעך פון די מויער. דערנאך זענען זיי געפארן ריקווערטס אביסל, און געקומען צו פארן מיט נאך א שמעטער אריין אין די מויער, און ס'איז געפאלן נאך אפאר ברעקעלעך, און נאך א שמעטער און נאך אפאר ברעקעלעך, און נאך א שמעטער און נאך א פאר ברעקעלעך, ביז נעבעך ס'איז ליידער געווארן א גרויסע פירצה בחומת ירושלים און די שונאים זענען אריין בעוונותינו הרבים.

מאויבי תחכמנו, מיר וועלן אריין שמעטערן מיט'ן "אייבערשטער" קאנאן, ביז מען וועט  אדורך לעכערן די חומת ברזל וואס נעמט ארום די וואס האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין א ערליכער איד און אויף דורכגיין כל התורה כולה, און אויף זאגן א גוט ווארט פאר די ווייב, שמעטער ביי שמעטער וועלן מיר דאס דורכשמעטערן.

יעדע מאל וואס מיר דערמאנען די ווארט "אייבערשטער" וועט דאס שלאגן ווארצלען ערגעץ וואו בכל קצוי תבל אז א איד זאל נאך איינמאל גלייבן אז אפשר קען איך יא מצליח זיין.

איך ווייס נישט וואו איך בין דא ארייגעפארן, נאר כ'האב געוואלט איבערגעבן די הרגשה וואס מען פילט בשעת'ן שרייבן פארן בלעטל, ווען נישט די זאך פון טראכטן אז אפשר וועט נאך איין מענטש אנהייבן צו לעבן די גן עדן לעבן פון רעדן צום אייבערשטן, האט נישט קיין שום זין צו שרייבן ארטיקלען וואך איין וואך אויס.

ביי יעדן איינציגן ארטיקל טראכט איך נאר איין זאך, אפשר וועט נאך איין בחור אדער אינגערמאן אפמאכן אז ער גייט נעמען די עצתו אמונה פאר זיין ווער אין לעבן און באקומען וואס מען באקומט אז מען הערט זיך צו צו דער ראש ישיבה.

**לאמיך אייך פרעגן אפאר שאלות בנוגע אייער שרייבן, בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

פון אנהייב, בערך פיר פינף שעה, היינט בערך א דריי שעה.

רוב מאל ביינאכט, איך ענדיג מיין טאג ארבעט, איך גיי אהיים אביסל, דערנאך קומט די בלעטל צייט, איינמאל א וואך, אסאך מאל מאך איך עס ווען מיין ווייב גייט צו די געדערינג.

טייל מיט ווי אזוי עס באשאפט זיך א געדאנק פון אן ארטיקל?

עס איז וואונדערליך אז דער אייבערשטער געבט פאר יעדן מענטש זיינע כוחות, איינער קען מוזיק, איינער נישט, איינער קען דאווענען פאר'ן עמוד איינער נישט, איינער טראכט אסאך, איינער נישט, איינער האט קושיות און פראבלעמען, איינער לעבט און לאכט.

עס איז דא מענטשן וואס האבן א נאטור פון טראכטן אסאך און אויסדערפינדן נייע פראבלעמען.

ביי אונז אינדערהיים איז דא א ווערטל let's create a problem, לאמיר מאכן א פראבלעם, וואו גייט אלע גארביטש? וועט ווען זיך אויסנוצן אלע גאלד פון די ערד? וואס טראכסט א קו?

וואו מען קוקט נאר איז דא א קושיא מיט א תירוץ, און מען קען אסאך מאל מאכן פרייליך מענטשן מיט דעם.

**איז שוין אמאל געווען אז דו האסט געהאט א פארטיגע ארטיקל און עס איז נישט אריין אין בלעטל מאיזה סיבה שהיא?**

יא

דער מנהל מו"ה ר' מרדכי אינדיג שליט"א פלעגט זיין אינוואלווד אינעם בלעטל, איינמאל האט ער מיר געזאגט אויף אן ארטיקל אז עס איז אביסל צו פארקאטשעט, נישט יעדער כאפט וואס גייט פאר.

**באקומסטו גריסן אויף דיינע ארטיקלען?**

יא ברוך השם, אסאך שיינע גריסן. מען קען זיך נישט פארשטעלן וואו די בלעטל קומט אלץ אן!!! ארימע, רייכע, דערהויבענע, פאלאפל'דיגע, פלאטשיגע, שפיציגע, אלע מיני מענטשן! ממש סורפרייזינג!!!

**אויף וועלכע ארטיקל האסטו באקומען די מערסטע גריסן?**

די ארטיקל פון שבועות תשפ"ב וועגן די נסיעה קיין אומאן, די יאר פון די סעפטעמבער עלעוון אטאקעס.

**האסטו שוין באקומען הערות פונעם ראש ישיבה אויף דיין ארבעט?**

יא ברוך השם.

ערגעץ אינמיטן תשפ"ה, אפשר פסח, בין איך געווען ביי מיין זון מו"ה יוסף נ"י, דער ראש ישיבה איז דעמאלטס איינגעשטאנען אין שטוב פון מו"ה נתנאל פארקאש נ"י, צופרי, נאכ'ן דאווענען, דער ראש ישיבה איז ארויס פון די ירושלים שול, כ'האב געוואלט זאגן גוט שבת, אדער גוט יום טוב, כ'געדענק נישט פונקטליך יעצט, און אזוי ווי מען שטייט הארט פאר די שארט קאט און איך זאג גוט יום טוב, הייבט דער ראש ישיבה אן צו רעדן צו מיר, אלץ דרך ארץ פאר א רבי האט שוין נישט געפאסט אז איך זאל נישט מיטגיין באגלייטן.

אזוי אינמיטן וועג האט דער ראש ישיבה גערעדט אז די ארטיקלען אין בלעטל דארף נישט קומען מיט בעק-פייער. ס'מעג זיין רואיגע לייכטע ארטיקלען.

און דער ראש ישיבה געבט א זאג: "און אויב מארגן צופרי וועט קיינער מער נישט זיין קעגן ברסלב, האסטו שוין נישט וואס צו שרייבן?! נוץ נישט נעגעטיוויטי' אלץ די עיקר פון דיינע ארטיקלען".

די אנדערע מאל וואס איך האב באקומען הערות פונעם ראש ישיבה איז געווען היי יאר ביי די חתונה פון בן מו"ה אברהם משה נ"י.

דארטן האמיר געהאט ברוך השם א שמועס מיטן ראש ישיבה, א האלבע שעה אדער מער. ס'איז געווען דארט א טיש מיט תלמידי היכל הקודש און מען האט גערעדט שיינע זאכן. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם וואס משפחות מאכן חנוכה מסיבות.

אינמיטן זאגט דער ראש ישיבה פאר ר' אברהם משה: "האסט צאמגעכאפט צוויי באמבעס אין איין ארטיקל. ווייל די זאך פון "דערוויל זאלן זיי שרייען פוי" איז א באמבע ווארט פאר זיך, און די זאך פון "איי דאנ'ט ניעד יור בעקיטשע", איז א באזונדערע קנאקעדיגע באמבע, אז ס'איז א שאד אז עס איז געווען ביידע אין איין ארטיקל".

דערנאך הייבט דער ראש ישיבה אן צו רעדן צו מיר, און זאגט: "איך ליין דיינע ארטיקלען, אבער ווען עס קומט צו ענגליש קען איך נישט ליינען מער".

דער ראש ישיבה האט מיר מסביר געווען: "די ענגלישע ווערטער וואס דו נוצט אזוי ווי דו רעדסט נאטורליך בחיי יום יום, דאס גייט נאך מיט, אבער אז דו ברענגסט ווערטער וואס דו ווילסט דיך מאכן באפוצט און באשמירט, דאס האט נישט קיין חן. זיי נאטורליך, זיי אזוי ווי דו".

מען איז אריין אין א דיסקוסיע, וועם וויל איך כאפן? פאר וועם שרייב איך? וועלכע שפראך זאל מען נוצן? בעבישע שפראך? אויבער חכם שפראך? עשירים שפראך? ארעמעלייט שפראך? ערשטע מנין שחרית שפראך? צוועלעווע מנין שפראך? סטעיקהאוז שפראך? סושי שפראך? יונגערע ? עלטערע? וועם וויל מען כאפן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז הא בהא תליא, אז דו שרייבסט נאטורליך קענסטו כאפן די גאנצע וועלט!! אז דו האסט וואס צו פארקויפן קענסטו כאפן די גאנצע וועלט! אז דו רעדסט פון דעם אייבערשטן קענסטו כאפן די גאנצע וועלט!

און אויב דו ווערסט דיך מאכן בא'טעמ'ט און זוכן אטענשן פאר זיך, וועסטו נישט כאפן קיינעם, א שאד די צייט.

און דער ראש ישיבה האט עס מסביר געווען, וויפל מענטשן הערן די חיזוק יומי?

צו הערן זיי דאס ווייל ס'איז באפוצט און באשמירט? אדער ווייל ס'איז פשוט און נאטורליך און אייבערשטער' דיג.

**דו ווערסט דאך באצאלט (מיט געלט) פאר די הייליגע ארבעט, איז ווי אזוי ביסטו זיך מחזק אין א וואך וואס דו האסט נישט קיין געדולד און חשק צו שרייבן אן ארטיקל?**



איך קוק אויף דער ראש ישיבה, און איך זע אז דער ראש ישיבה טוט וואס דער אייבערטער האט ארויפגעלייגט אויף אים. דער ראש ישיבה וואלט געקענט אנשטאט די דאנערשטאג נאכט שיעור בעסער זיצן און זאגן משניות, און דער ראש ישיבה שטעלט זיך אויף נאכאמאל חזר'ן די "אייבערשטער" זאך און דער ראש ישיבה קוקט נישט אויף דעם וואס אזויפיל מענטשן שפעטן און לאכן פון די ברסלב'ע אינטרעסאנטע זאך פון "אייבערשטער" "אייבערשטער" "אייבערשטער".

אז דער ראש ישיבה טוט זיין פליכט, וועל איך אויך פרובירן צו טון מיין פליכט.

וואויל איז די וואס האבן א חלק אין אויסרופן פאר די גאנצע וועלט אז יעדער קען גיין צום אייבערשטן.

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמאטיווע תשובות!**
**אויב דו קענסט צוענדיגן מיט א ווארט אויפן חשוב'ן רעדאקטער**

עס איז מיר א גרויסע פלא פון וואו נעמט ר' אברהם הערש די כוחות צו דעם?

מענטשן האבן נישט די מינדערסטע אהנונג פון די לחץ וואס עס טראגן די וואס העלפן דער ראש ישיבה. בשעת דער עולם ציפט אראפ א שיפע סלייס פון די פאטעיטע קוגל ערב שבת קודש איז ר' אברהם הערש פארנומען איבערצופרעגן צו די נאמען חיים הייזעריג אין די ארטיקל איז חיים הייזעריג אדער חיים היישעריק?

בשעת דער עולם זויגט ארויס די מארך פון די ביין נאכ'ן קויפ'ן סעוון לעיער לכבוד שבת, פרובירט ר' אברהם הערש דערמאנען א פארשלעפטן שרייבער אז ער זאל פרובירן נישט צו צעגערן ביז די לעצטע מינוט.

ר' אברהם הערש נ"י האט נישט קיין מנוחה פון דינסטאג ביז מאנטאג! אונטער יעדע איינציגע נומער פון די בלעטל ליגט גאנצעטע מעשיות אז ס'האט געקענט שיעור נישט געשען עס זאל נישט זיין קיין בלעטל די וואך.

עס קומט א גרויסן דאנק פאר ר' אברהם הערש אז ער זארגט אז א קהילה פון קרוב צו טויזנט מיטגלידער זאלן האבן ערליכע ליין מאטריאל, שכרך הרבה מאוד!

## יואל שניצלער

**יעצט וועלן מיר כאפן א שמועס מיטן ברודער מו"ה יואל מנחם גרשון שניצלער הי"ו, הערן פון אים איבער זיין שרייבן פארן בלעטל.**

**א גוטן ר' יואל, וואס איז דיין חלק ארבעט אין דעם הערליכן קאלירפולן וועכענטליכע בלעטל?**

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב די זכי' צו שרייבן אינעם קאלום "פנינים", אן ארטיקל וואס איז מחזק אויף אמונת חכמים און צו גיין אין די וועגן וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז.

**ווען און ווי אזוי ביסטו אריין אין די 'בלעטל שטאב'?**

ב"ה איך האב געהאט די זכי' ארויסצוהעלפן מיט הגהה די פריערדיגע ווערסיע פון די בלעטל, און אין די נייע ווערסיע האב איך אנגעהויבן צו שרייבן א בריוו צו די רעדאקציע יעדע שטיק צייט, און במשך הזמן האט דער חשוב'ער און געטרייער רעדאקטער מחליט געווען מיר צו געבן אן אפיציעלע קאלום אינעם בלעטל.

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

בערך צווישן 4 און 6 שעה, געווענליך געב איך אוועק דעם זונטאג טאג פאר דעם, אדער סוף וואך.

**טייל מיט ווי אזוי עס באשאפט זיך א געדאנק פון אן ארטיקל?**

ווענדט זיך, ווען איך שרייב אראפ א זוהר שבת אדער א צווייטע איבערלעבעניש מיט דער ראש ישיבה שרייב איך פשוט אראפ וואס איך האב מיטגעלעבט.

אסאך מאל ליין איך עפעס, אדער איך דערמאן זיך עפעס, אדער איך לעב מיט עפעס, און דאס געבט מיר די שטויסקראפט צו שרייבן אן ארטיקל.

**איז שוין אמאל געווען אז דו האסט געהאט א פארטיגע ארטיקל און עס איז נישט אריין אין בלעטל מאיזה סיבה שהיא?**

איך געדענק נישט, אבער מן הסתם יא, איך האב לכאורה געזען אז די ארטיקל קלעבט עפעס נישט, האב איך עס איבערגעלאזט.

**באקומסטו גריסן אויף דיינע ארטיקלען?**

יא ברוך השם.

**האסטו שוין באקומען הערות פונעם ראש ישיבה אויף דיין ארבעט?**

יא, דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געשריבן אין א בריוו:

"איך האב געליינט דיין בריוו פאריגע וואך אינעם שטעטל בלעטל, איך האב זייער הנאה געהאט. דו שרייבסט שיין, רייך און איידל, עס איז א מחי' צו ליינען דיינע בריוו; הלוואי זאלסטו יעדע וואך אריין שיקן א בריוו".

אויך האט מיר דער ראש ישיבה שליט"א שוין אפאר מאל געזאגט פריוואט אז ער האט הנאה פון מיינע ארטיקלען.

לכאורה, אויב דער ראש ישיבה האט מיר געשריבן איך זאל יעדע וואך אריינשיקן א בריוו, פארוואס שרייב איך נישט יעדע וואך? א רבי דארף מען דאך פאלגן! נאר נאך א תקופה וואס איך האב געשריבן יעדע וואך מיט א שטארקקייט האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב נישט געמיינט ממש יעדע וואך..."

בקיצור, איך שרייב דעם ארטיקל נאכדעם וואס די וועכנטליכע עצתו אמונה און זוהר וכו', זענען שוין גרייט ב"ה, אויב ווערט עס גרייט גענוג פרי האב איך צייט פאר אן ארטיקל, און אויב נישט, קען איך נישט אוועקשטופן די וועכנטליכע גליונות פאר מיין ארטיקל.

**דו ווערסט דאך נישט באצאלט (מיט געלט) פאר די הייליגע ארבעט, איז ווי אזוי ביסטו זיך מחזק אין א וואך וואס דו האסט נישט קיין געדולד און חשק צו שרייבן אן ארטיקל?**

אז איך ווייס אז דער ראש ישיבה האט הנאה, ווי אויך די אלע גריסן וואס איך באקום צוריק, און וואס מיין ווייב תחי' הערט צוריק פון די חשוב'ע פרויען, דאס געבט מיר חשק צו שרייבן.

און אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א טאלאנט פון שרייבן, נעם איך עס נישט פאר גרענטעד, און איך וויל עס ניצן צו מהנה זיין אידישע קינדער.

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמאטיווע תשובות! אויב דו קענסט צוענדיגן מיט א ווארט אויפן חשוב'ן רעדאקטער?**

עס איז אומגלויבליך צו זען זיין מסירות נפש ווי ער שטעלט צו אזא רייכע קאלירפולע בלעטל בלויז מיט איין ציל, צו מחי' זיין אנשי שלומינו מיט ריינע ליין מאטריאל וואס ברענגט אריין דעם אייבערשטן אין א אידישע שטוב.

## ישראל דוד העסקעל

**יעצט וועלן מיר האבן די זכי' צו פרעגן אפאר שאלות פונעם טאלאנטפולער שרייבער און אינטערוויוער מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו.**

**א גוטן ר' ישראל דוד, וואס איז דיין חלק ארבעט אין דעם הערליכן קאלירפולן וועכענטליכן בלעטל?**

שכח אייבערשטער אז איך האב א חלק אין עטליכע חלקים. צום ערשט שרייב איך ארטיקלען אדער אינטערוויוס כמעט יעדע וואך ב"ה. ווי אויך העלף איך מיטן דעזיין פונעם בלעטל אויף א וועכנטליכע פארנעם.

**וועלכע חלק פונעם דעזיין טוסטו פארן בלעטל?**

איך שטעל אהער די דעקל און אזוי אויך די אינטערוויו. אויך האב איך געהאט די זכי' צו קענען מאכן די נייע 'בלעטל' לאגא און די 'אינדערהיים' לאגא. ווי אויך האב איך געהאט א חלק צוזאמען מיט מו"ה בערל שניצלער הי"ו אויפצופרישן די דעזיין פון אינעווייניג פונעם בלעטל צו איבערמאכן אלע ארטיקלען און אזוי ווייטער.

**אז מען רעדט שוין פונעם גרעפיקס חלק, אויב מען קען פרעגן ווען האסטו זיך געלערנט גראפיקס?**

איך האב זיך געלערנט אין ישיבה אלס בחור ווי אזוי צו נוצן די דעיין פראגראמען ווי אילוסטרעיטער און פאטאשאפ. איך האב אלץ געהאט א שטארקע געפיל צו אַרט און דעזיין, איך פלעג זייער אסאך מאלן. איך האב זיך אפילו געלערנט אויל פעינט ביי די באקאנטע ארטיסט מו"ה יואל גליק הי"ו. שפעטער נאך מיין חתונה ווען איך האב געדארפט גיין ברענגען פרנסה, האב איך זיך מיטן אייבערשטן'ס הילף אריינגעלייגט אין דעזיין, און צוביסלעך האב איך זיך דערלערנט די פאך מער און מער...

**ווען און ווי אזוי ביסטו אריין אין די 'בלעטל שטאב'?**

איך בין אריינגעקומען מיט אביסל מער ווי דריי יאר צוריק, דאס איז געווען ווען איך האב געשריבן מיין ערשטע ארטיקל. מיין ערשטע ארטיקל האב איך געשריבן ווען איך האב אויסגערימט פארן מנהל מו"ה אברהם משה שליט"א ווי שיין די בלעטל איז, ספעציעל די 'צום פינטל' וואס איז נאך דאן געווען אונטער א פען נאמען, און איך האב אפילו נישט געוויסט אז ס'איז גאר דער מנהל וואס שרייבט עס... זאגט מיר דער מנהל אזוי שמייכלדיג "נא שרייב דו אויך..." שכח אייבערשטער אז איך האב עס אנגענומען מיט א תמימות, און אפילו איך האב קיינמאל נישט געהאט געשריבן פארדעם און זיך בכלל נישט געזען אלס שרייבער, האב איך דאך געזוכט צו קענען טון וואס מער פאר הפצה,




מו"ה אלי' ציג הי"ו    מו"ה שרגא שטראסער הי"ו    מו"ה בערל שווארץ הי"ו
צאמגענומען די לאבי און פארנט פונעם בנין
מו"ה מרדכי איידליס הי"ו    מו"ה שלום אלי' פעלבערבוים הי"ו    מו"ה יואל משה מייזעלס הי"ו
מסדר זיין די שטובער פאר אנ"ש
מו"ה מרדכי ראזענבערגער הי"ו
מסדר זיין די שטיבער פאר אנ"ש א"י
מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו
מלמדים
הרב יואל טייטלבוים הי"ו    הרב יואל פרילענדער הי"ו    הרב ישעי' איידליס הי"ו
הרב אשר ראנד הי"ו    הרב יצחק פאפענהיים הי"ו    הרב דוד אנשין הי"ו
הרב יצחק אייזיק ראזענבוים הי"ו    הרב איציק מענדלאוויטש הי"ו
הנהלת הבנין
*sruliHeskel

איך אילן במה אברכך פרותיך מתוקים צלך נאה.

ראש השנה לאילנות תשפ"ו

בנין
היכל הקודש ברסלב
באומאן

8 Bilotserkivs'ka, Uman, Cherkasy Oblast, Ukraine, 20300

פון טיפן הארצן ווילן מיר זיך באדאנקן פאר אלע חשובע אנ"ש וואס האבן אנטייל גענומען און געהאלפן אינעם בנין ראש השנה תשפ"ו

## קאך מענעדזשער
### מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו

**פליישיגע קאך**
מו"ה שלמה יקאבאוויטש הי"ו
מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו

**פרווה קאך**
מו"ה משה איינהארן הי"ו
מו"ה לייבי אפפעל הי"ו

**העלפערס אין קאך**
מו"ה שלמה רוטה הי"ו הב' חיים שלמה קויפמאן הי"ו מו"ה ישעי' שטראסער הי"ו הב' אלעזר ארי' פעלבערבוים הי"ו
מו"ה שמואל אייזיק פערל הי"ו מו"ה שלמה צבי פערל הי"ו מו"ה אהרן סאמעט הי"ו

**משגיח**
מו"ה ישראל פוקס הי"ו

**מסדר געווען די קאפפי**
מו"ה לייבי ליבערמאן הי"ו

**מקוה**
מו"ה העניך אינדיג הי"ו

**אנגרייטען די סעודת**
מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו
מו"ה יודי פריינד הי"ו
מו"ה יעקב סאמעט הי"ו

**אפריימען די סעודות**
מו"ה שמעון עוזר גרינפעלד הי"ו
מו"ה נח הערש ווייס הי"ו

**שיין מאכן די שול**
מו"ה אברהם מרדכי פיש הי"ו

און אז שרייבן איז אונטערגעקומען זאל זיין שרייבן...

אינטערעסאנט אנצומערקן אז די ערשטע ארטיקל וואס איך האב געשריבן איז נישט געראד אריין (נאר מיט א יאר שפעטער נאכן עס איבערארבעטן) דער רעדאקטאר האט מיר געזאגט אז ס'איז עפעס נישט, ס'דארף ווערן בעסער געשריבן... אבער שכח אייבערשטער אז איך האב זיך נישט אפגעשטעלט דארט, נאר נאכאמאל פרובירט, און ב"ה די צווייטע ארטיקל וואס איך האב געשריבן איז יא גוט געווען, און אזוי בין איך אריין אין די בלעטל שטאב...

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

ס'איז שווער צו זאגן ווייל איך שטעל נישט אן קיין טיימער..... אבער זינט איך האב אנגעהויבן צו שרייבן די אינטערוויוס קומט עס אויס צו בערך צען שעה וואך.

צום ערשט פרוביר איך צו מאכן די אינטערוויוס - זיך אוועקזעצן און שמועסן מיטן מענטש בערך דינסטאג מיטוואך, געווענליך ביינאכט ארום 9-8, און דאס נעמט א שעה צוויי בערך.

פרייטאג און מוצאי שבת פרוביר איך צו טרעפן צייט צו קענען שרייבן (אין אנדערע צייטן איז מיך שווער ווייל איך ארבעט אדער בין איך פארנומען מיטן לערנען דאווענען און זיין אין שטוב, אבער פרייטאג ארבעט איך נישט ב"ה, אזוי אויך מוצאי שבת, דעריבער האב איך דעמאלט מער פרייע צייט).

אויב האב איך נאכאלץ נישט געענדיגט שרייבן, ענדיגט איך צו זונטאג צופרי, דאס שרייבן אליין קען נעמען 5-4 שעה.

די דעזיין ארבעט וואס איך טו פארן בלעטל פרוביר איך צו טון וואס מער זונטאג ווען איך ארבעט נישט, וואס דאן האב איך מער צייט. עס נעמט יעדע וואך אנדערש, אבער על פי רוב נעמט עס בערך 3-2 שעה, אמאל וויניגער, און וואס איך ענדיג נישט זונטאג ענדיג איך מאנטאג צופרי.

**טייל מיט ווי אזוי עס באשאפט זיך א געדאנק פון אן ארטיקל?**

איך וואלט ווען געוואלט געבן דא א שפאנענדע לאנגע דראמאטישע ענטפער ווי אזוי מ'שאפט שעפעריש א געדאנק פאר אן ארטיקל, אבער די תירוץ איז גאר קורץ - תפילה! נישט דא קיין אנדערע וועג פאר דעם, קען זיין ס'דא מענטשן וואס האבן אלץ צו די האנט אויסטערלישע געדאנקען, אבער ביי מיר אויב בעט איך נישט דעם אייבערשטן איז גארנישט דא. פון מאנטאג ווען די בלעטל גייט אין דרוק הייב איך שוין אן צו בעטן דעם אייבערשטן אז אויף קומענדיגע וואך זאל איך אויך זוכה זיין צו קענען נאכאמאל שרייבן און טון פאר הפצה.

**איז שוין אמאל געווען אז דו האסט געהאט א פארטיגע ארטיקל און עס איז נישט אריין אין בלעטל מאיזה סיבה שהיא?**

יא עטליכע מאל. ס'איז געווען ממש אנפאנג ווען איך אנגעהויבן צו שרייבן איך בין געווען זייער צוקאכט און צומאל געשריבן זאכן וואס אפילו ס'איז אמת ויציב, באלאנגט עס נאכנישט צו ווערן געשריבן... אבער שכח אייבערשטער אז מיט די צייט בארואיגט זיך די קאכעדיגע בלוט וואס וויל נאר יעדן פארברענען און וואס פאר א טאג ס'גייט אריבער און מ'לערנט נאך אביסל עצתו אמונה און מ'הערט נאך א שיעור ווערט די מוח מער און מער מסודר צוביסלעך, מ'זוכט שוין נישט אזוי שטארק צו פארברענען יענעם.... מ'פריידט זיך מיט די זכי' צו קענען זיצן אין היכל הקודש און לעבן די זיסע לעבן.

**באקומסטו גריסן אויף דיינע ארטיקלען?**

ב"ה אז יא, נישט יעדע וואך... ס'דא וואכן וואס מער ס'דא וואכן וואס וויניגער. בעיקר זע איך אז ווען מ'טוט עפעס פריש דאן קומען אסאך גריסן. אבער מ'קען עס נישט אויסרעכענען, צומאל טראכט איך אויף אן ארטיקל דאס איז א גוטס, פון דעם וועל איך זיכער צוריקהערן גריסן, און למעשה אין קול ואין עונה אפילו קיין איין גריס נישט באקומען, און צומאל האב איך געשריבן און געשפירט אז ס'איז עפעס נישט, איך האב צען מאל איבערגעפרעגט דעם רעדאקטאר אויב איך זאל טאקע בכלל אריינלייגן דעם ארטיקל, איך האב עס עפעס נישט געשפירט, און דייקא פון יענע ארטיקל האט נישט אויפגעהערט צו קומען גריסן.

ס'איז זייער וויכטיג אז מענטשן זאלן וויסן אז די גריסן איז פון די זאכן וואס געבן חיזוק און כח צו גיין ווייטער, ווייל די ארבעט איז נישט לייכט, און אויב הערט מען נישט צוריק גארנישט, קען זיין זייער שווער אנצוגיין ווייטער.

יעצט למשל ווען איך האב אנגעהויבן צו מאכן די אינטערוויוס האב איך גאר גאר אסאך צוריקגעהערט ב"ה, אבער איך ווייס אז אזוי ווי מענטשן גייען זיך צוגעוואוינען אז ס'פארט ס'דא יעדע וואך אן אינטערוויו, וועלן די גריסן לכאורה ווערן שוואכער - אזוי גייט עס.

**אויף וועלכע ארטיקל האסטו באקומען די מערסטע גריסן?**

אויף די לעצטע פאר ארטיקלען פון די אינטערוויוס האב איך די מערסטע צוריקגעהערט, נישט איינס מער ווי א צווייטע נאר אויף אלע אינטערוויוס בכלליות האב איך גאר אסאך צוריקגעהערט און באקומען זייער גוטע גריסן ב"ה.

**האסטו שוין באקומען הערות פונעם ראש ישיבה אויף דיין ארבעט?**

נאכדעם וואס איך האב געשריבן מיין ערשטע ארטיקל (ווי איך האב באשריבן דאס וואס מ'זאל קוקן וואס מ'האט אין די האנט אפילו מ'גייט אריבער בלבולים פון דאס און יענץ. איז עס דעמאלט געווען אז איך האב נאך געוואוינט אין לאנדאן און איך בין געקומען אויף סוכות צו מיינע עלטערן קיין אמעריקע, איך האב נאר געוואלט וואס מער אריינכאפן צו זיין ביים ראש ישיבה, אבער קוים קוים איז מיר געלונגען צו קענען עפעס מיטהאלטן. א טאג פארן אהיימפארן האב איך געהאט אן אפוינטמענט ביים ראש ישיבה מיט מיין ווייב און מיינע קינדער, איך בין שוין געווען ביים גרעניץ פון וויליאמסבורג ווען מ'האט מיר געקלונגען אז דער ראש ישיבה האט זיך אנגעהויבן זייער נישט גוט צו שפירן און איז אהיימגעגאנגען, במילא איך האב נישט וואס צו קומען! מיין וועלט איז דאן געקומען צו אן ענדע, דאס איז עס, מארגן צופרי פאר איך אהיים....אבער איך האב זיך מחזק געווען אז אפילו איך וועל זיין ווייט פון דער ראש ישיבה און איך האב אפילו נישט עספיעט זיך צו געזעגענען און ארויפגיין מיט מיין משפחה, דאך קומען אלע זיסע עצות מיט מיט מיר ווי איך גיי די משניות די התבודדות די שלום בית אלעס קומט מיט...) דער ראש ישיבה האט מיך דאן געשריבן אז ס'האט זיך אים געלוינט דאס נישט גוט שפירן אז אזא שיינע ארטיקל זאל ארויסקומען.

נאכדעם בערך א האלבע יאר שפעטער האט דער ראש ישיבה



נאכגעזאגט איינע פון מיינע ארטיקלען ביים שיעור א משל מיט אן אייזל, און דער ראש ישיבה האט געזאגט דעמאלט ביים שיעור אז איך שרייב שיין איך האב גוטע געדאנקען.

נאכדעם איז געווען ווען איך בין געקומען אויף שבועות צו דער ראש ישיבה האב איך געפרעגט דער ראש ישיבה אויב איך זאל ווייטער שרייבן אדער אויב איך זאל עפעס טוישן, שרייבן אנדערש, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז איך שרייב זייער שיין איך זאל ווייטער שרייבן.

נאכדעם מאכט זיך כסדר ביי שמועסן און אפילו שיעורים וואס דער ראש ישיבה זאגט אויף עפעס אן ענין מאך אן ארטיקל פון דעם, דאס זאלסטו באשרייבן, און שכח אייבערשטער איך מיין אז יעדעס מאל האב איך געפאלגט און טאקע געשריבן. ווי אויך איז דא אסאך מאל פארקערט, וואס דער ראש ישיבה וועט מיר זאגן אינמיטן א שמועס אז דאס שרייב נישט, פון דעם זאלסטו נישט מאכן קיין ארטיקל...

**דו ווערסט דאך נישט באצאלט (מיט געלט) פאר די הייליגע ארבעט, איז ווי אזוי ביסטו זיך מחזק אין א וואך וואס דו האסט נישט קיין געדולד און חשק צו שרייבן אן ארטיקל?**

ס'קומט מיר ליידער נישט אויס אויף דערוויילע צו קענען ארומגיין הפצה עמטליך, און איך ווייס אז דאס איז מיין הפצה, נישט אז איך בין יוצא.... נאר איך ווייס ביי מיר אז מינימום דאס איך מוז זען יעדן טאג צו טון. איך שיק טאקע ארום חיזוק יומי טעגליך פאר מיינע באקאנטע, אבער פארט האב איך דעם שטופ צו טון מער, אויב האב איך א גן עדן לעבן לאמיך עס מיט טיילן אויף יעדן וועג וואס איז מיר נאר מעגליך!

דאס שטופט מיר יעדע וואך נאכאמאל זיך אויפצופרישן און מיטן אייבערשטן'ס הילף ברענגען פרישע חומר. ווי אויך אויב הערט מען צוריק גריסן געבט עס חשק צו גיין ווייטער.

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמאטיווע תשובות! אויב דו קענסט צוענדיגן מיט א ווארט אויפן חשוב'ן רעדאקטער**

אברהם הערש טראגט אסאך היטלער, זיין די 'בלעטל רעדאקטאר' איז בלויז איינס פון זיי... און ווען איך ארבעט מיט אים שפיר איך אז אין זיין לעבן איז פארהאן בלויז די בלעטל און גארנישט עפעס אנדערש. איך ארבעט שוין מיט אברהם הערש איבער דריי יאר און אין די גאנצע צייט האב איך נישט געהערט פון אים קיין איין קרומע ווארט! פארקערט יעדע וואך געבט ער גוטע ווערטער און מוטיגט ווייטער אנצוגיין מיט די עבודת הקודש. פון אברהם הערש קען מען שרייבן און שרייבן און קיינמאל נישט ענדיגן.... ס'איז מיר א כבוד צו קענען ארבעטן מיט אים אינאיינעם!

## שמואל אייכענשטיין

**א גוטן ר' שמואל, וואס איז דיין חלק ארבעט אין דעם הערליכן קאלירפולן וועכענטליכע בלעטל?**

איך האב די זכי' צו שרייבן ארטיקלען, אמאל לויפט עס מער קאנסיסטענט, אמאל נישט. יעצט לויפט עס יעדע טעליכע וואכן. איך האב אויך די זכי' צו שרייבן די "עירנו קאלום" יעדע וואך. אזוי אויך אויב איז דא בריוון צו די רעדאקציע, פרוביר איך עס איבערצוארבעטן אז זיי זאלן זיין גרייט צו גיין צום דרוק.

און נאך פארשידענע זאכן וואס ס'קומט אלץ אונטער וואס מ'דארף אלץ טון. אפאר מאל מאכט זיך אז איך זאל שרייבן די נייעס, און אזוי ווייטער.

אזוי אויך האט מען שוין אהערגעשטעלט אפאר גרעסערע פראיעקטן פאר ימים טובים, ווי למשל דער באפעלאו צדיק, אדער די באזוך אין וואשינגטאן.

**ווען און ווי אזוי ביסטו אריין אין די 'בלעטל שטאב'?**

איך בין אריינגעקומען אין די בלעטל שטאב בערך א יאר צוריק חנוכה צייט, עס האט פאסירט אז איך האב געהערט א מורא'דיגע מעשה, ס'איז מיר איינגעפאלן א מורא'דיגע מוסר השכל, האב איך זיך אוועקגעזעצט שרייבן מיין ערשטן ארטיקל מיטן נאמען "היתר מאה רבנים".

דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב אנגעטראפן די בלעטל.

פארדעם, אפאר יאר צוריק, איז געווען א קאלום, אזוי ווי היינט איז דא "א ווארט צוויי", האט עס דעמאלט געהייסן נקודות טובות, וואס האט צוזאמגענומען וואס מענטשן האבן צו זאגן, וואס זיי האבן געטראכט אדער געזען, און מ'האט עס אראפגעשריבן. דעמאלט האב איך די ערשטע מאל צוזאמגעארבעט מיט די בלעטל. אבער אפיציעל אנגעהויבן ארבעטן איז געווען א יאר צוריק.

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו**

**אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

ווען איך האב אנגעהויבן איז עס געווען פיר שעה, פינף שעה, בלי גוזמא. אבער מיט די צייט לערנט מען זיך עס אויס, נעמט עס שנעלער. אויך היינט האב איך באקומען מער קאלומס, נעמט עס בערך צוויי אדער דריי שעה.

די צייט ווען איך טו עס איז עס על פי רוב מוצאי שבת, אדער זונטאג.

**טייל מיט ווי אזוי עס באשאפט זיך א געדאנק פון אן ארטיקל?**

דער געדאנק פון אן ארטיקל האט נישט קיין שום מציאות מיט וויאזוי ס'ארבעט. ס'איז פשוט, ס'קומט אריין פונעם אייבערשטן. ס'איז נישטא קיין שום וועג וואס איך קען אייך עס מיטטיילן, ווייל ס'איז נישט א זאך וואס איך ווייס.

**איז שוין אמאל געווען אז דו האסט געהאט א פארטיגע ארטיקל און עס איז נישט אריין אין בלעטל מאיזה סיבה שהיא?**

איך האב שוין געהאט ארטיקלער וואס זענען נישט אריין אין די בלעטל, אבער למעשה צום סוף זענען רוב וואס זענען נישט אריין געגאנגען צום סוף אנגעקומען אינעווייניג נאך אביסל ארבעט, ווייל מיר האבן ברוך השם זייער א גוטע רעדאקטאר, וואס סיי וואס איז נישט גוט אריינצוגיין זעצט ער זיך אוועק צוזאמען איבערשרייבן, און מען מאכט זיכער אז ס'איז גוט אריינצוגיין.

ס'איז געווען איין ארטיקל וואס האט געהייסן "שטא ווער זאל לאכן", וואס איז געלאפן לעצטע פורים פון די נושא בנוגע טעראפי, וואס ווען איך האב עס דעמאלס אריינגעשיקט איז עס געווען זייער שארף... די רעדאקציע האט עס נישט געוואלט אריינלאזן. למעשה איז ארויסגעקומען אפאר וואכן שפעטער א סידי פון טעראפי, אטעמען און פון וכו' וכו' וכו', און נאכדעם האט די רעדאקציע באשלאסן שוין, מ'קען שוין יא ארויסשרייבן דעם אמת וועגן טעראפי.

**באקומסטו גריסן אויף דיינע ארטיקלען?**

גריסן איז די איינציגסטע זאך וואס מאכט אנהאלטן די שטארקייט פון די בלעטל, ווייל סתם אזוי א מענטש האט נישט קיין חשק צו ארבעטן פאר די לופט, אבער אז מ'הערט צוריק אז מענטשן האבן הנאה, און קאמענטס, און אפילו אסאך מאל גוטע קריטיק אויב ס'איז א זאך וואס קומט אריין, איז דאס א זאך וואס האלט אן אז זיי קענען אנגיין ווייטער.

איך באקום גריסן, מאסן גריסן, ס'איז נישט קיין ספק אז זייער זייער אסאך מענטשן קומען זיך באדאנקען.

**אויף וועלכע ארטיקל האסטו באקומען די מערסטע גריסן?**

די מערסטע גריסן אויף אן ארטיקל האב איך באקומען לעצטע יאר פסח, ווען די בלעטל האט געמאכט א נסיעה אראפ קיין וואשינגטאן די.סי. צו די האלאקאוסט מוזעאום. ס'איז געווען די ערשטע מאל וואס ס'איז געווען אזא גרויסע פראיעקט אין די בלעטל, באגלייט מיט לעבעדיגע בילדער, און ס'איז זייער הומאריסטיש געשריבן די גאנצע קאלום, ס'איז געווען א צוזאמארבעט פון צוויי אדער דריי שרייבערס אויב געדענק איך גוט. ס'איז געווען אזא נייע חידוש אין די וועלט פון די בלעטל, ממילא האב איך דעמאלט באקומען אן אומגעהויערע צאל פון גריסן, און ביז היינט הער איך נאך צוריק פון מענטשן וואס טרעפן דאס און זיי ליינען דאס דורך. ספעציעל די בילדער אויף דעם ארטיקל לעצטע יאר פסח, ס'האט געהייסן "מעבדות לחירות". דאכט זיך מיר אז אויף דעם האב איך באקומען די מערסטע גריסן.

**האסטו שוין באקומען הערות פונעם ראש ישיבה?**

איך האב שוין באקומען פול מיט הערות פון דער ראש ישיבה. געווענליך איז די גריסן ווען ס'קומט צוריק די הערות זייער גוט, און דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט, האב איך די זכיה אז דער ראש ישיבה זעגט מיר א גוט ווארט דערויף.

**דו ווערסט דאך נישט באצאלט (מיט געלט) פאר די הייליגע ארבעט, איז ווי אזוי ביסטו זיך מחזק אין א וואך וואס דו האסט נישט קיין געדולד און חשק צו שרייבן אן ארטיקל?**

די בלעטל איז די גרעסטע הפצה וואס די קהילה האט נאר פארצושטעלן. עס איז מיר א זכות אז איך קען אוועקגעבן צייט צו זיין א טייל דערפון.

מען צאלט נישט מיט געלט אויף די וועלט, אבער אויף יענע וועלט בין איך זיכער אז ס'וועט זיך אויסצאלן פי כמה.

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמאטיווע תשובות! אויב דו קענסט צוענדיגן מיט א ווארט אויפן חשוב'ן רעדאקטער?**

דא איז דאס פלאץ צו באדאנקען אונזער רעדאקטאר און פירער ר' אברהם הערש זאל זיין געזונט און שטארק. עס קומט זיך אים גאלאנען מיט קרעדיט פאר אלעס וואס ער טוט בכלל פאר די קהילה און בפרט פארן בלעטל, ווי ער גיבט אוועק



צענדליגע שעות יעדע וואך שלא על מנת לקבל פרס. אזוי אויך איז פארשטענדליך אז דער יצר הרע לאזט נישט אז גוטע זאכן זאלן פאסירן, במילא דער רעדאקטער ר' אברהם הערש אלס דער פנים דערפון כאפט אריין מבית ומבחוץ וד"ל. אז איך האב שוין יא די מייק אין הענט, וויל איך אים באדאנקען מיטן גאנצן הארץ פאר אלעס וואס ער טוט, בפרט פארן בלעטל.

## אברהם יצחק אייזנער

**אן א מגיה איז נישטא קיין מאגאזין, ס'לייגט זיך נישט געשמאק ווען מ'טרעפט זיך אן א גאנצן צייט מיט טעותים. דא קומט אריין מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו וואס מיט זיין געניט אויג קוקט ער איבער דעם בלעטל פון טעותים וואס פאלט אריין דא דארט. לאמיר הערן פון אים אליין אלעס איבער זיין ארבעט.**

**א גוטן ר' אברהם יצחק, וואס איז דיין חלק ארבעט אין דעם הערליכן קאלירפולן וועכענטליכע בלעטל?**

שכח אייבערשטער איך האב די זכי' צו זיין א חלק פון די בלעטל משפחה.

די חלק וואס איך טו איז צו מגיה זיין, איך ליין איבער יעדע ארטיקל פאר עס גייט אריין אינעם בלעטל און איך מאך זיכער מיטן אייבערשטנס הילף אז עס גייט נישט אריין קיין גרעמער טעותים. אויך גיי איך דורך די בלעטל ווען עס איז שוין פולקאם פארטיג - פאר עס גייט צום דרוק - זיכער צו מאכן אז עס איז נישט אריינגעפאלן קיין טעותים. אויך דארף מען ארויסברענגען לשבח אונזער חבר מו"ה ישראל קרויס הי"ו וואס האט לעצטענס אויך אנגעהויבן איבערצוקוקן די בלעטל פארן אריינגיין צום דרוק, ער איז גאר א גוטער מגיה, ער כאפט אויף יעדע פינטל וואס איז נישט גוט.

**ווען און וויאזוי ביסטו אריין אין די 'בלעטל שטאב'?**

געווען איז עס נאך מיין חתונה - נאך פאר די שטעטל האט זיך געעפנט. איך גלייך זייער שטארק צו ליינען, איך האב געוואלט עפעס טון פאר הפצה, דער ראש ישיבה חזר'ט כסדר אז נאר אויב מען איז עוסק אין הפצה, האט מען שאנסן זיך צו דערהאלטן ביים רבי'ן, אנדערש ווערט מען גרינג אלט, עס הייבט אן באדערן דאס און יענץ ביז מען ווערט אנגעווייטאגט און די געפיל צו הערן שיעורים און ליינען עצתו אמונה ווערט אויסגעלאשן. איינמאל די געפיל איז אויסגעלאשן איז דאך ביטער, אז מען האט שוין נישט קיין געפיל צו הערן התחזקות, הערט מען צוביסלעך אויף צו פאלגן די עצות און דאס לעבן ווערט פארלאשן.

איך האב זיך נישט געוואלט טרעפן אין דעם מציאות, האב איך זיך געמאלדן צו מו"ה יואל שניצלער הי"ו - מנהל מכון עצתו אמונה - אז איך האלט אז איך קען ארויסהעלפן מיט די ארבעט ווייל איך פיל אז איך פארשטיי אביסל צו די אידישע שפראך. למעשה איז דעמאלט גארנישט געווארן דערפון.

ווען די בלעטל האט זיך אנגעהויבן, האט ר' יואל מיר געפרעגט אויב איך וויל מגיה זיין די בלעטל - וואס איז נאך דאן געווען א איין פאפיר גליון. איין זייט איז געווען מעשיות פון תפילה, אביסל שטעטל נייעס און די אנדערע זייט איז געווען א בריוו פון דער ראש ישיבה וואס איז נוגע געווען יענע וואך. ר' יואל פלעגט זיין די מגיה פאר מיר. איך האב עס טאקע אנגענומען. ווען די בלעטל איז געוואקסן, איז מיין ארבעט אויך געוואקסן. שכח אייבערשטער איך האב זיך דערהאלטן ביז היינט ווען די בלעטל איז שוין אן אפיציעלע מאגאזין און ווערט פארשפרייט אויף פילע פלאטפארמעס און טויזנטער אידן זענען זיך מחי'.

**ווי אזוי ביסטו מגיה, קוקסט עס אדורך אין אפיס, אדער דו דריקסט עס ארויס אויף פאפיר און די ביסט עס מגיה לויט דיין באקוועמליכקייט?**

ווען די בלעטל איז נאך געווען א 'בלעטל' האב איך עס ארויסגעפרינט יעדע וואך, איך האב אנגעצייכנט מיינע הגהות און עס אריינגעסקענט און צוריקגעשיקט פאר אברהם הערש. היינט באקום איך א דאקומענט מיט אלע ארטיקלען אינעווייניג, און איך פאררעכט גלייך די הגהות אויפן פלאץ.

**וואס טוסטו ווען דו באקומסט אן ארטיקל וואס איז דא מער גרייזן ווי נישט?**

אברהם הערש דער געטרייער עורך ה'בלעטל, געבט שטארק אכטונג איך זאל זיך נישט איבערארבעטן. ער פאררעכט מער וויניגער די עכטע טעותים און פאר מיר בלייבט נאר צו אויפריינע וואס ער האט פארזען.

היינט איז שוין דא א פראגראם וואס שניידט די ארבעט דראסטיש, מען לייגט אריין די גאנצע ארטיקל, און די פראגראם פאררעכט 99% פון טעותים.

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

נישטא קיין כלל אין דעם, אמאל איין שעה און ווען עס איז פאר א יו"ט ווען די בלעטל איז היבש גרעסער, נעמט עס מער צייט.

די ערשטע חלק פון איבערגיין די רויע דאקומענט נעמט אסאך לענגער. איבערצוגיין די גרייטע פייל נעמט נישט אזוי לאנג, ווייל איך דארף נישט איבערליינען אלע ארטיקלען, נאר קוקן אויף די זאכן וואס איז נישט געווען אין די רויע דאקומענט, די בילדער, די בריוו, ברוך הבא'ס און אזוי ווייטער.

**באקומסטו גריסן אויף דיין ארבעט?**

ווען איך טו די ארבעט איז עס נישט מיטן תנאי צו באקומען גריסן. איך ווייס אז ווען איך ליין עפעס וואס א צווייטער האט געשריבן אדער איך האב הנאה פון עפעס וואס א צווייטער האט געארבעט אויף, רוב מאל פאלט ניטאמאל ביי אז איינער האט אריינגעלייגט שעות ארוכות אין דעם, ממילא ערווארט איך נישט אז אנדערע מענטשן זאלן זיין אנדערש.

וואס יא, דער עורך ה'בלעטל אברהם הערש איז יא מקפיד זיכער צו מאכן אז איך ווייס ווי וויכטיג מיין ארבעט איז. ער באדאנקט זיך אלעמאל שיין.

פארשטייט זיך אז אויב פאלט אריין א טעות, וועל איך שוין גלייך הערן דערפון, עס איז גרינגער צו געדענקען אן איינמאליגע טעות ווי א כסדר'דיגע בלעטל אן קיין טעותים.

**דו ווערסט דאך נישט באצאלט (מיט געלט) פאר די הייליגע ארבעט, איז ווי אזוי ביסטו זיך מחזק אין א וואך וואס דו האסט נישט קיין געדולד און חשק צו טון די ארבעט פאר די בלעטל?**

איך טראכט פון אברהם הערש. קיינער ווייסט נישט וויפיל שעה ער לייגט אריין א וואך, פיל איך שלעכט אז איך קען נישט געבן די



ביסל צייט וואס איז א גארנישט אנטקעגן וואס ער לייגט אריין. דאס מאכט מיר אנגיין.

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמאטיווע תשובות! אויב דו קענסט צוענדיגן דיין שמועס מיט א ווארט אויפן חשוב'ן רעדאקטער**

ווערטער זענען איבריג. די צייט וואס ער געבט אוועק, אלעס אז אנשי שלומינו זאלן האבן אייגענע ליין מאטריאל. נאר דער אייבערשטער ווייסט ווי סאך ארבעט ער לייגט אריין, שעות וואס יעדער איינער רוט זיך גוט אויס, ארבעט ער אויפן בלעטל. און מיט דעם אלעם געדענקט ער אלץ צו געבן א גוט ווארט און ווייזן אז די ארבעט וואס איך טו איז וויכטיג. ווי כאילו איך טו אים א פערזענליכע טובה.

## בערל שניצלער

**א גוטן ר' בערל, וואס איז דיין חלק ארבעט אין דעם הערליכן קאלירפולן וועכענטליכע בלעטל?**

געלויבט דער הייליגער באשעפער אז איך האב די זכי' צו זיין א חלק פון דעם הערליכן בלעטל מאגאזין, וואס ווערטער זענען איבריג און עס פעלט ממש נישט אויס ארויסצוברענגען וואס דער בלעטל פארמאגט אין זיך און וואספארא פעולות עס טוט וועכנטליך. ווערטער זענען היינט צוטאגס איבריג.

מיין וועכנטליכע חלק אינעם בלעטל איז אהערצושטעלן די 'קינדערהיים' אפטיילונג, אזוי אויך דעם קאלירפולן 'א ווארט צוויי' קאלום, און חוץ פון די וועכנטליכע פראיעקטן בין איך אויך א דעזיינער פארן בלעטל, סיי ווען מען הייבט אן א פרישע קאלום און סיי ווען עס קומט די צייט ווען מען דארף עס איבערפרישן פרובירט מען אהערצושטעלן א דבר השלם.

און בכלל רעד איך מיטן רעדאקטער אונזערע ר' אברהם הערש לכל הפחות איינמאל א וואך און מען גייט דורך דעם בלעטל, זען וואס מען קען צולייגן און שענער מאכן, מקיים זיין דעם מעלין בקודש בשלימות.

**ווען און ווי אזוי ביסטו אריין אינעם 'בלעטל שטאב'?**

ראש השנה תשפ"ב האט דער בלעטל - וואס איז ביז דאן באשטאנען פון א מאגערע אכט א האלב אינטשיגע פאפיר, וואו מען האט געקענט ליינען א בריוו פון דער ראש ישיבה, א מעשה פון תפלה, א קליין שטיקל נייעס, פארשטייט זיך נישט צו לאנג וויל עס דארף נאך פיטן אויף איין פאפיר - זיך אנגעהויבן פארברייטערן מיטן גיין צום קאלירטן פרינט, גלאנציגע פאפיר, צולייגן פרישע קאלומס און א גרעסער צאל זייטן.

דאן האב איך שוין געהאט די זכי' צו זיין א מלמד תינוקות אין כתה א', וואו מען גייט שוין אהיים דריי אזייגער, פלעג איך צופארן אין בית המדרש אריין און געלערנט ביז פינף אזייגער, איין שעה מיט א חברותא און נאך איין צו ענדיגן מיינע שיעורים.

איין טאג איז ר' אברהם הערש צוגעקומען צו מיר פרעגן אויב איך קען אים העלפן אינעם בלעטל, מען האט געהאלטן נאכן אנהייבן א נייעם פראיעקט אינעם בלעטל מיטן נאמען 'א סעודה מיט דער ראש ישיבה' ווי אידן האבן אריינגעשיקט אינעם טעלעפאן אינבאקס זייער איבערלעבעניש מיטהאלטנדיג פון דער נאנט ווי שיין דער ראש ישיבה פראוועט א שבת טיש, און מען האט געזוכט איינער וואס זאל דאס אויסהערן און אויפטייפן. דער בלעטל וועט מיר צושטעלן אן אפיס און נאך חדר וועט מען קענען גיין מחיל אל חיל, פון אריינלייגן אייבערשטער אין אידישע קינדער גייט מען צו אידישע טאטעס.

איך האב געפרעגט דער ראש ישיבה איבער דעם און דער ענטפער איז געווען אז יא, דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז איך זאל זיכער מאכן אז די קאמפיוטער האט א גוטן פילטער. ר' אברהם הערש האט מיך אריינגענומען תחת גפנו, דער פעסט-בילד אפיס האט זיך דאן געפינען אויף די האשקי גאס ווי היינט צוטאגס האט מען עס פארוואנדלט אין חתן כלה דירות, און דארט האט די ארבעט זיך אנגעהויבן.

למעשה האט דער ראש ישיבה אפאר מאל געזאגט פאר ר' אברהם הערש אז אינעם בלעטל זאל די פאקוס זיין צו כאפן די יוגנט, טרעפן וועגן וויאזוי אריינצודרינגען אין די קינדערס קעפעלעך די לעכטיגע עצות פון רבי'ן, האט מען באלד באשלאסן זיך אריינצולייגן אין א קינדער אפטיילונג, און ביז היינט האלט עס ברוך השם אין איין וואקסן, און יעדע וואך פון פריש דארף מען זיך דערמאנען דעם דיבור וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט מיט א ברען און התלהבות: "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון!" צו קענען אהערשטעלן נאך א קינדערהיים.

די גרעפיקס חלק איז צוגעגאנגען אז ווען איך האב אנגעהויבן מאכן דעם קינדער אפטיילונג האב איך עס געדארפט אויסשטעלן אויך, האב איך זיך געדארפט אריינלייגן אביסל אין לעיאוט, און פון

דארט האב איך זיך שוין אנגעהויבן ארום שפילן מיט פארשידענע גרעפיקס און עס האט אנגעהויבן ארויסקומען שיינע זאכן ב"ה.

**וועלכע פראגרעמס ניצטו פאר דיזיינונג, און ווער האט דיר אויסגעלערנט גרעפיקס?**

בעיקר אינדעזיין, אויך קומט אריין אילוסטרעיטער און פאטא-שאפ דא דארט.

ווען איך האב געדארפט אויסשטעלן דעם קינדער אפטיילונג דעם ערשטן מאל האב איך נישט געוואוסט מיין נאמען, מו"ה יודל אייזנער הי"ו און מיין ברודער מו"ה הערשל הי"ו האבן מיך צוגעוויזן די מינימום, און מיט די צייט האב איך זיך עס אויסגעלערנט, אן קיין שום קורס אדער מהלך. אזוי אויך בין איך געזיצן מיט מו"ה יחזקאל שארף הי"ו וואס ער האט מיר צוגעוויזן וויאזוי ער פלעגט עס מאכן ביז דאן און פון דארט האב איך עס גענומען אויף ווייטער.

דאס איז געווען מיט די טעכנישע חלק פון עס אויספירן, אבער א טעיסט צו גרעפיקס און דעזיין האב איך אלעמאל געהאט ב"ה. די רעקלאמעס האט מיר אלעמאל געצויגן צוליב די גרעפיק און די דעזיין חלק שבו.

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

א דורכשניטליכע וואך איז עס א שעה יעדן טאג, צומאל ווען עס זענען דא גרויסע פראיעקטן אויפן טיש איז עס מער.

**באקומסטו גריסן אויף דיין ארבעט?**

יא ברוך השם, אבער נישט פאר דעם טוט מען עס, ווייל טאמער יא דארף מען נאכאמאל אריינקוקן צו עס לוינט...

**אויף וועלכע אויסגאבע האסטו באקומען די מערסטע גריסן?**

מן הסתם איז עס געווען דעם פארגאנגענעם חנוכה בלעטל ווען מען האט אויפגעפרישט דעם בלעטל אויף א גרויסע פארנעם זענען אסאך געקומען מיט פאזיטיווע קאמענטארן אויף די חידושים.

**האסטו שוין באקומען הערות פון דער ראש ישיבה אויף דיין ארבעט?**

פאריגע יאר האט דער ראש ישיבה מיר געשריבן א בריוו און מיר מעורר געווען אז ווען מען שטעלט אהער אן אפטיילונג וואס איז געאייגנט פאר קינדער דארף מען זייער אכטונג געבן עס זאל זיך נישט גרעניצן מיט לצנות, זינט דאן שטייט דער בריוו שטענדיג פאר מיינע אויגן ווען איך זעץ זיך אוועק אהערשטעלן חומר פאר די תינוקות של בית רבן.

אויך דערמאן איך זיך יעצט, אין די ערשטע וואכן ווען איך האב צוגעלייגט די שיחה-אין-בילד קעסטל אינעם קינדער אפטיילונג פאר א קנאפע צוויי יאר צוריק, האט דער ראש ישיבה אמאל איבערגעבליקט דעם בלעטל אין קרן הדפסה, דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט מיר איבער דעם און ארומגערעדט איבער וועלכע שיחה דאס איז.

**דו ווערסט דאך נישט באצאלט (מיט געלט) פאר די הייליגע ארבעט, איז ווי אזוי ביסטו זיך מחזק אין א וואך וואס דו האסט נישט קיין געדולד און חשק צו טון די ארבעט פאר די בלעטל?**

דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז אן א שיעור די וויכטיגקייט פון עוסק זיין אין הפצה, פון דעם קען זיך קיינער נישט ארויסדרייען, און אז איך האב די געלעגנהייט צו קענען ארויסהעלפן אזא הערליכע בלעטל דארף מען עס האלטן פאר א זכי'.

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמארטיווע תשובות! אויב דו קענסט צוענדיגן מיט א ווארט אויפן חשוב'ן רעדאקטער**

אונזער באליבטע ראדאקטער! חוץ פון וואס ער געבט אוועק פארן בלעטל שעות אויף שעות מיט די דעטאלן אינעם בלעטל, אויסשטעל, תוכן, טעותים, דעזיין, וכו' - איז ער דא מיט די גרעסטע מאס מאטאוואציע על מנת להטפיח, און עס איז נישט קיין ספק אז מיט דעם קען מיטשטימען סיי ווער עס האט שוין געהאט א יד אינעם בלעטל. און עס איז א ווילד חידוש ווייל עס איז נישט קיין ביזנעס, קיינער גייט נישט ארויס מיט א דאלער דערפון, וואלט געווען פאסיג עס זאל לויפן אויף א טו-מיר-נישט-קיין-טובות מהלך, יא יא נישט נישט, איך האב אויך נישט קיין נערוון, דערפאר אבער אויב דו ביסט פאר'חלש'ט אריינצושטעקן א פינגער אין קאלט וואסער קענסטו זיך אליין אן עצה געבן... אבער ר' אברהם הערש איז געגאנגען די פארקערטע און פארגינט דיך א שמייכל'דיגע סמיילי יעדעס מאל דו שיקסט אים א פריש געשריבענע ארטיקל... און ווי עס שיינט האט עס געוואלדיגע השפעה, די חשק און געדולד קומט נישט פון זיך אליין, איינער שטופט עס. מיט הארץ.

## אהרן קליטניק

**א גוטן ר' אהרן, וואס איז דיין חלק ארבעט אין דעם הערליכן קאלירפולן וועכנטליכע בלעטל?**

מיין ארבעט איז איך שרייב א מעשה פון א צדיק ביי די אפטיילונג 'מעשה פון א צדיק'.

**באקומסטו גריסן אויף דיין ארבעט?**

דא און דארט הער איך גריסן ברוך השם.

**ווען און ווי אזוי ביסטו אריין אין די 'בלעטל שטאב'?**

עס האט זיך אנגעהויבן סוכות תשפ"ד ווען מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו געהאט אן אינטערוויו אויף קול ברסלב מיט מו"ה אברהם הערש הי"ו דורך צו גיין אלעס וואס גייט אריין צוצוגרייטן א בלעטל, און אברהם הערש האט געזאגט דארט אז אויב איינער וויל טון פאר הפצה קען ער בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו קענען טון עפעס פאר הפצה. דעמאלט האב איך אנגעהויבן דאס טון.

א צווייטע זאך איז בתוך הדברים האט אברהם הערש געזאגט אז ער דארף הילף ביי די אפטיילונג פון "שיחות פון דער ראש ישיבה" וואס איז דעמאלט געלאפן א יעדע וואך, האב איך געטראכט אפשר זאל איך מיר אריינלייגן אין דעם.

ווען עס איז אנגעקומען צו רעדן וועגן די אפטיילונג פון "א מעשה פון א צדיק" האב איך צוגעלייגט מער קאפ ווייל איך האב זייער שטארק נהנה געווען פון דעם אפטיילונג זייענדיג א מלמד, און פאר א רבי אין חדר קען זייער צוניץ קומען מעשיות, ער האט מיר דעמאלט געזאגט אז די מעשיות ווערן גענומען פון אשר בנחל אין אידיש און עס האט זיך שוין אויסגענוצט אלע מעשיות, האט ער גענומען די ספר אילן החיים און געשריבן פון דארט. למעשה איז עס אים געווען א גרויסע עול און ער האט געזאגט אז ער האפט נאך עס זאל זיין איין טאג - ווי דער ראש ישיבה זאגט אים כסדר - אז ער זאל נאר זיין די רעדאקטער ער זאל פשוט צאמנעמען וואס אלע שרייבן, אזוי אז ער זאל נישט האבן אזא שווערע ארבעט.



שבת פרשת נח איז דער ראש ישיבה געווען אין בארא פארק ביי זיין טאטע, און מען האט אים געבעטן צו קומען געבן א שמועס אין היכל הקודש פאר מנחה. ער האט מסכים געווען. עס איז געווען זייער א שיינע שיעור בענין חלישת הדעת. מוצאי שבת האב איך געטראכט, אה! פון אזא שיעור קען מען מאכן א שיינע שיחה. איך האב מיר געזעצט שרייבן, איך האב אריינגעלייגט אסאך כוחות אין דעם. למעשה איז עס נישט געפאלן פאר אברהם הערש ער האט עס נישט צום סוף אריינגעלייגט, האב איך שוין געוואוסט אז שיחות וועל איך נישט שרייבן פארן בלעטל, ווייל איך גיי ארבעטן פאר גארנישט.

אזוי איז אדורך אפאר וואכן אין די ווינטער חדשים און אלץ ווען איך האב באקומען די בלעטל איז מיין אויגן גלייך געפאלן אויף די מעשה פון א צדיק. די מעשיות פון יענע צייטן זענען געווען ווי מען זאגט אין ענגליש 'דיפרענט' מער אזעלכע קליינע מעשיות פון רבי נתן און רבי נחמן טולטשינער, און אויך אסאך זענען געווען מעשיות אויף די סגנון פון היסטאריע. פון איין זייט איז עס געווען זייער אינטרעסאנטע זאכן, אבער אלס א רבי צו דערציילן איז עס נישט געווען צו בייהילפיג.

איך פלעג אלץ הערן פונעם ראש ישיבה ביי די חינוך שיעורים אז א מלמד מוז זיין גרייט מיט מעשיות וואס צו דערציילן, און פאר מען גייט אריין אין קלאס זאל מען אריינקוקן אין שיחות מוהרא"ש ווייל עס איז זייער א גוטע ספר צו טרעפן מעשיות פון צדיקים.

אזוי האב איך טאקע געטון איך האב כסדר אריינגעקוקט אין ספר שיחות מוהרא"ש און געטראפן דארט שיינע סיפורי צדיקים און עס דערציילט פאר מיין כיתה.

דעמאלט האט מיר אריינגעבליצט אז איך האב סיי ווי סיי מעשיות אין מיין באזיץ, אפשר זאל איך עס שרייבן פארן בלעטל, אבער גלייך זענען ארויפגעקומען מחשבות פון קאמפלעקס 'נע, אברהם הערש גלייכט נישט די וועג ווי אזוי איך שרייב'. אבער למעשה האב איך אפגעמאכט אז מיינע קאמפלעקסן גייען מיר נישט זאגן וואס צו טון, האב איך געפרעגט אברהם הערש "איך קוק סיי ווי סיי מעשיות אין שיחות מוהרא"ש, איך האב נישט קיין פראבלעם עס צו טייפן". האט ער מיר געענטפערט: "אוודאי! בכבוד גדול! עס וועט זיין גאר א גרויסע הילף". האב איך אים געזאגט: "יא אבער אז איך שרייב לייג עס ביטע אריין, ווייל איך וויל נישט ארבעטן אומזיסט אזוי ווי ביי יענע שיחה". האט ער מיר מסביר געווען אז א שיחה איז איין זאך, א מעשה פון א צדיק איז א צווייטע זאך, א מעשה וואס מוהרא"ש האט דערציילט איז דאך גוט, מען דארף נישט אריינטראכטן אין דעם צופיל, אבער א שיחה דארף מען מער אריינקוקן צו עס האט א טעם און צו עס איז גוט געשריבן ממש אזוי ווי דער ראש ישיבה האט עס געזאגט.

געלויבט דער הייליגער באשעפער פון דעמאלט פאר פסח תשפ"ד האב איך אנגעהויבן שרייבן מעשיות, אינמיטן זומער האט מען שוין אריינגעלייגט מיין נאמען ביי די רעדאקציע.....

אין אנהייב האט איך געשריבן מעשיות וואס איך האב שוין געליינט פארדעם וואס איך האב מיר צוגעצייכענט וואו די מעשה שטייט.

למעשה האט זיך דאס שוין געענדיגט, ווייל איך האב שוין אסאך געשריבן, איך קען זיך נישט פארלאזן אז איך גיי שוין טרעפן א מעשה, ווייל למעשה האב איך זיך אונטערגענומען אן ארבעט וויל איך עס טון ביזן סוף, איז יעצט זוך איך שוין מעשיות אין שיחות מוהרא"ש, און אמאל אויב איך טרעף א מעשה אין אשר בנחל שרייב איך פון דארט.

**וואס זענען די נקודות (focus דיין) וואס דו זוכסט אין א מעשה?**

ווען איך זוך א מעשה זוך איך אז עס זאל קענען עפעס ארויסקומען לעובדא ולמעשה, אבער איך דארף נישט שווער ארבעטן אויף דעם ווייל א מעשה וואס מוהרא"ש האט דערציילט ליגט שוין אין דעם אלעמאל די לימוד פון די מעשה און די התחזקות וואס מ'קען ארויסנעמען פון דעם. ווען מוהרא"ש דערציילט א מעשה איז עס נישט סתם א מעשה נאר עס איז דא א נקודה אין דעם וואס מען קען נעמען חיזוק אויפן טאג טעגליכע לעבן.

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך געבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

געוויינטליך טו איך עס מוצאי שבת עס נעמט בערך צוויי שעה.

**דו ווערסט דאך נישט באצאלט (מיט געלט) פאר די הייליגע ארבעט, איז ווי אזוי ביסטו זיך מחזק אין א וואך וואס דו האסט נישט קיין געדולד און חשק צו טון די ארבעט פאר די בלעטל?**

די תירוץ אויף דעם איז אז למעשה פארדין איך נאך א מעשה, אז איך שרייב עס גייט עס בעסער אריין אין מיר. און נאך א נקודה, איך האב שטארק הנאה אז ביי אונז אין די קהילה קומט ארויס אזא שיינע אויסגאבע און איך דארף נישט טרעפן די גליקן ביי די פרעמד, ממילא פיל איך א זכי' צו זיין א חלק אין דעם און קענען

ארויסהעלפן.

א וואך וואס איך האב נישט קיין געדולד, נו נו דאס איז די לעבן אז מען נעמט זיך עפעס אונטער דארף מען עס מסדר זיין און עס צושטעלן, אבער אז מען האט א חשיבות צו די ארבעט איז כמעט וואס עס פאסירט נישט, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמאטיווע תשובות! אויב דו קענסט צוענדיגן מיט א ווארט אויפן חשוב'ן רעדאקטער**

קודם דארף איך אים באדאנקען פארן צושטעלן אזא שיינע אויסגאבע, וואס איז רייך, שיין, בא'טעמ'ט, און אזוי הייליג.

א מורא'דיגע שיינע זאך וואס אברהם הערש טוט יעדע וואך, ער שרייבט מיר קורצע שיינע דאנק ווערטער, יא איך מוז זאגן, אז באקומען א שיינע יישר כח פון א רעדאקטער, מיינט זייער אסאך פארן שרייבער, און עס גיבט די מוט צו ווילן אנגיין.

וואס איך בין ספעציעל נתפעל איז, אז ער פון זיין זייט איז מקפיד צו געבן א שיינע יישר כח פאר די שרייבערס, אבער איך ווייס נישט צו ער באקומט צופיל שכח'ס פונעם עולם. אפילו לאמיר זאגן ער באקומט יא דאנק ווערטער פון מענטשן, וויפיל ער זאל נאר באקומען קען מען זיך נישט פארשטעלן די צייט און ארבעט און כוחות וואס ער לייגט אריין אין דעם בלעטל וואך נאך וואך אן אויפהער, מען קען זאגן איין זאך, נאר דער הייליגער באשעפער קען אים באצאלן.

## יצחק יונה זאבעטל

**א גוטן ר' יצחק יונה, וואס איז דיין חלק ארבעט אין דעם הערליכן קאלירפולן וועכענטליכע בלעטל?**

געלויבט דעם אייבערשטן. איך שרייב די וועלטליכע נייעס, איבער אלץ און אלעמען, אסאך מאל אויך די היכל הקודש נייעס, ישועות אשר בנחל.

**ווען און ווי אזוי ביסטו אריין אין די 'בלעטל שטאב'?**

בערך זיבן יאר צוריק האב איך געזען אז די נייעס אויף ברסלב סענטער איז נישט געהעריג אפדעיטעד, איך האב געטראכט אז עס איז א שאד, אסאך מער מענטשן וואלטן אריינגעגאנגען הערן שיעורים ווען די נייעס וואלט געווען מער אפ טו דעיט. איך האב געהאט א געפיל צו שרייבן, האב איך געבעטן מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו צי איך מעג אפשר שרייבן נייעס, און ב"ה זייט דעמאלט שרייב איך דארט. אפאר יאר צוריק איז פארגעקומען עפעס א גרויסע וועלטליכע נייעס, און איך האב געהאט א שיינע געדאנק דערויף לויט די עצות פון הייליגן רבי'ן און איך האב עס געוואלט שרייבן ערגעץ, האב איך באשלאסן עס ארויפצולייגן ביי ברסלב סענטער.

עס איז געקומען גאר אסאך גוטע גריסן דערפון, דער ראש ישיבה האט מיר דאן געבעטן איך זאל אויך אנהייבן צו שרייבן וועלטליכע נייעס אויף דעם אופן. אזוי האט זיך דאס אנגעהויבן. ווען די בלעטל האט אנגעהויבן ארויסצוקומען האט עס אנגעהויבן אריינגיין אויך אינעם בלעטל, און ווען איך שרייבן אויף ברסלב סענטער פרוביר איך זיך צו רעכענען אז עס זאל אויך קענען אריינגיין אינעם בלעטל.

**בערך וויפיל צייט א וואך, און וועלכע צייט אין וואך גיבסטו אוועק פאר די הייליגע ארבעט?**

יעדע ארטיקל נעמט בערך א שעה צו שרייבן. עס ווענדט זיך וויפיל ארטיקלען און וועלכע סארט ארטיקלען. עס זענען דא ארטיקלען וואס גייען גרינג, און עס זענען דא ארטיקלען וואס איך דארף מאכן אסאך ריסוירטש, רופן מענטשן. אזעלכע ארטיקלען נעמען לענגער.

**איז שוין אמאל געווען אז דו האסט געהאט א פארטיגע ארטיקל און עס איז נישט אריין אין בלעטל מאיזה סיבה שהיא?**

די בלעטל וועלט געווענליך אויס וועלכע ארטיקלען זיי ווילן לייגן. בדרך כלל שרייב איך מער אויף ברסלב סענטער ווי דאס וואס עס גייט אריין אינעם בלעטל.

**באקומסטו גריסן אויף דיינע ארטיקלען?**

יא ב"ה. רוב מאל ווען איך שמועס מיט אנשי שלומינו וועלן זיי אנהייבן מיט א יישר כח פאר די ארטיקלען.

**אויף וועלכע ארטיקל האסטו באקומען די מערסטע גריסן?**

די צווייטע ארטיקל איבער וועלטליכע נייעס (עס האט זיך גערעדט איבער טראמפ - פארשטייט זיך...).

איינע פון די היימישע אויסגאבעס האבן אראפ געברענגט א שטיקל פון יענעם ארטיקל אלץ אן אויסצוג איבער וואס אנדערע שרייבן.

**האסטו שוין באקומען הערות פונעם ראש ישיבה אויף דיין ארבעט?**

דער ראש ישיבה איז מיר אלץ מחזק איך זאל ווייטער שרייבן. אן דעם וואלט איך שוין לאנג אויפגעגעבן...

**יישר כח פאר דיין צייט און פאר דיין אינפארמארטיווע תשובות!**



# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה יודי פריינד הי"ו

וזוגתו זלאטא תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה לייבי אפפעל הי"ו

וזוגתו גיטל תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# קלאסיפיידס


## *KB Realty*

אכטונג לענדלארדס! זוכט איר נישט אידישע טענענטס פאר אייער אינוועסטמענט פראפערטי?

האט איר אפארטמענטס וואס שטייען ליידיג?

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר אייך ברענגען די בעסטע טענענטס.

**רופט שלום שניצלער 347-731-3144**

מיר סערווירן גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי

Masters of drip

loop PLUMBING

917. 202. 1206









**PREMIER OFFICE SPACE FOR LEASE**

646.938.2503 - 39oldmonticello@gmail.com

COFFEE STATION AROUND THE CLOCK · COMPETITIVE PRICING · PRIVATE ENTRANCE · PRIVATE BATHROOM

CPP CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**ברית פון הילד מאיר ני"ו בן מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו אין ישיבה - ה' וארא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים געבן א שיעור פאר בוכארישע אידן אין קווינס - א' שמות**

קרעדיט: יצחק יונה זאבעל



**פרישטאג אין ישיבה - ה' וארא**

קרעדיט: סעמפל נאמען



**די בחורים פונעם שטעטל ישיבה ביים זיך וואונטשן גוט שבת ביים ראש ישיבה שליט"א נאך א טאג אין ישיבה - ה' וארא**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**ליל שישי שיעור אין ישיבה - ה' וארא**

קרעדיט: שימי פיש



**ביים מעיין זיין אין ספר גדרי המועדים פון הרב גד סלמון שליט"א ראש הכולל ביבנאל - ה' וארא**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**אין א שמועס מיט די אינגעלייט נאכן ליל שישי שיעור אין ישיבה - ה' וארא**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**די קינדער פון שטעטל ביים העלפן רייניגן דעם ביהמ"ד - עש"ק וארא**

קרעדיט: ישראל פוקס



**ביים הערן שובבי"ם תורה פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע - מוצש"ק וארא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל





**אבות ובנים אין ביהמ"ד היכל הקודש וויליאמסבורג - מוצש"ק וארא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



**די קינדער פונעם תלמוד תורה אין וויליאמסבורג ביים ציון פונעם רב הכולל - א' בא**

קרעדיט: יוסף הערש פליישמאן



**א בליק אריין אינעם ישיבה אין שטעטל - א' בא**

קרעדיט: אייזיק ראטה





**ביים זאגן יום כיפור קטן אין ישיבה - א' בא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל





**סעודת ראש חודש פאר די תומכי הכולל ביים ראש ישיבה שליט"א אין שטוב - א' בא**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים לערנען אינעם נייעם ספר ימי מוהרא"ש - ג' בא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



**ביים טאנצן אין ישיבה - ג' בא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



**ביים ציון פון הרה"ק מריבניץ זי"ע אין מאנסי - ג' בא**

קרעדיט: שלמה האממער



**ביים ציון פון רבי בנימין שיק זי"ע אב"ד טאקאי - ברודער פון מוהרא"ש זי"ע אין מאנסי - ג' בא**

קרעדיט: שלמה האממער



**תלמידי הישיבה ביים צוגרייטן טשולענט פאר לאנטש - ד׳ בא**



**הערליכע אויסוואל פון נייע פאר שיך אינעם באזאר אינעם שטעטל - ה׳ בא**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן





**אבות ובנים אין ביהמ״ד היכל הקודש בני ברק - מוצש״ק בא**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**די השובע גבאים ביים צאמנעמען געלט פארן ביהמ״ד - א׳ בשלח**



**קריאת השם לבת מו״ה לייבי אפפעל הי״ו אין ביהמ״ד אין שטעטל - ב׳ בשלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה








**פרייליכע חתונה פון החתן יוסי בריסק הי"ו אין מאנסי - ג' בא**

קרעדיט: יוסי פרערויא

בס"ד

פרשת בשלח
אויסגאבע # 7



# אינערהיים

## פון שטעכעדיג צו פראכטפול

ש. טראכטער

**נישט ווערן סטאק**
ל. וועבערמאן

**טאנצט נישט מיט מיר**
ג. פעקעטע

**שכח פאר די פולע האלבע גלאז**
ש. ל. פליישמאן

# אינהאלט



6



11


**בס"ד**
פרשת
בשלח
תשפ"ו
**נומער 7**



**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק



**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## ב. אייזנער
**קרית ברסלב**

איך שטיי אינדרויסן פון די געשעפט און איך קוק אריין דורך די גלאזערנע טיר, דארט אויפן טיש זע איך מיין פאון, אבער די סטאר איז פארמאכט, איך בין געווען די לעצטע קאסטומער, נאך מיר איז די לעצטע ארבעטער ארויס. ווען איך בין אריין אין מיין מאנ׳ס קאר האב איך געכאפט אז מיין פאון איז נישט מיט מיר.

די סטאר איז אין ניו דזשערזי, און איך וואוין א שעה אהאלב אוועק. איך בין געקומען פאר אן אפוינטמענט און נאר ארייגעסטאפט צו קויפן איין זאך, איך ווייס נישט וויאזוי איך וועל קענען צוריקבאקומען די פאון, אויב איך פאר יעצט אהיים אן דעם.

די גאסן זענען שוין טונקל, די געשעפט איז טונקל, איך ווייז פארן אייבערשטן: ״באשעפער דא ליגט עס, העלף איך זאל קענען באקומען מיין פאון, איך דארף עס אזוי וויכטיג״, איך זאג איבער: ״באשעפער, באשעפער, באשעפער איך גלייב אז דו קענסט מיר העלפן״.

מיט מיין מאנ׳ס פאון האב איך פרובירט צו רופן די נומער וואס שטייט אינדרויסן, איך זע אינוויינינג ווי די סטאר פאון קלינגט, אבער ס׳איז נישטא ווער ס׳זאל אויפהייבן.

איך גיי שוין אריין אין מיין מאנ׳ס קאר, גרייט צו פארן, אבער איך בין מחליט, ניין, איך גיי צוריק, דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן.

איך הייב אן קלאפן שטארק שטארק אויפן טיר, פלוצלונג ביי א ווינקל אין סטאר זע איך עפעס רוקט זיך, דער ארבעטער הייבט זיך אויף און קומט צו מיר, דער ארבעטער האב איך געזען אהיימגיין זיכער א שעה צוריק, ווען איך האב געהאלטן אינמיטן קויפן, איך האב אים קלאר געזען וואקן אינדרויסן אויפן גאס, איך ווייס נישט וואס דאס מיינט, אבער ער עפנט די טיר און פרעגט וואס איך דארף, איך זאג אים אז איך דארף מיין פאון וואס ליגט דארט.

ער געבט צוריק מיין פאון און שפארט צוריק צו די טיר.

די גאנצע מעשה מאכט נישט קיין סענס, אבער תפילה העלפט.

## ל. וועבערמאן
**קרית ברסלב**

איך בין אויפן וועג אהיים פון אן אפוינטמענט, און איך זע ווי די קאר פארט אריין אין א ראוד וואס אנהייב זעט עס אויס ווי א שיינע ברייטע ראוד, אבער איך ווייס אז אינמיטן וועג גייט זיך טוישן די גאנצע בילד, דער דרייווער פארט דארט ווייל די דזשי. פי. עס. פירט אים דארט, אבער ער ווייסט נישט וואס ווארט אים.

אינמיטן וועג ווערט די ראוד שמאל און נישט געפעיווט. די טאון שארט נישט דארט די שניי און ס׳זעט אויס ווי ס׳זעט אויס. מ׳טרעפט זיך אויף א וועג וואס איז אנגעלייגט מיט שניי, דער גוי׳שער דרייווער איז גאנץ פארלוירן, בכלל נישט מיט אזא גוטע קאר, מ׳פארט שטאט און מ׳גליטשט אביסל.

איך האב א גאנצע צייט געבעטן דעם אייבערשטן צו אנקומען בשלום און נישט ווערן סטאק. ביי די זייטן זעט מען סימנים פון קאר׳ס וואס האבן פיין אריינגעגליטשט, איך בעט ווייטער, אינמיטן האט מען געגעבן גליטש אריין אין די זייט, איך בעט ווייטער.

שכח אייבערשטער מ׳האט זיך נאך געקענט געבן א כאפ צוריק און ווייטער געפארן ביז׳ן סוף פון די לאנגע שמאלע וועג, און עס האט מיר אויסגעזען ווי די לאנגע שמאלע בריק פון א מענטשנ׳ס לעבן, וואס מ׳דארף זיך דערהאלטן ביזן סוף. ב״ה מ׳האט זיך דערהאלטן.

ש. טראכטער



# פון א שטעכעדיגער צו א פראכטפולער

מאמי, פארוואס איז דא אזויפיל שטעכעדיגע זאכן אויף אלעביימער?" וויל מיין פיר-יעריגער פארשטיין. ער קוקט פון פענסטער און זעט די ליידיגע ווינטער ביימער און ער וואונדערט זיך, פארוואס טאקע פעלט אויס אז א בוים זאל זיין אזוי שטעכעדיג?

איך בין אים מסביר אז נאך אביסל וועלן קומען ווארימע וועטערס און דאן וועלן די ביימער אנהייבן בליען און אויף יעדע שטעכעדיגע זאך וואס הייסט "צווייגן" וועט אנהייבן צו בליען שיינע הערליכע בלעטער, וואס וועלן באשיינען די וועלט און מאכן אן אנגענעמע שאטן אין די הייסע זומער טעג.

זיין יונגע מח נעמט עס אריין. "אה, איז די שטעכעדיגע זאכן זענען גוט? עס וועט ווערן פון זיי שיינע זאכן?"

"יא," בין איך אים מסביר, "אז מען וועט עס באוואסערן, אז דער אייבערשטער וועט שיקן רעגן, וועט אי"ה ווערן שיינע זאכן פון די שטעכעדיגע בוים."

...

אין א בריוו אין א עצתו אמונה פרשת וישב האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן, ***"שטארק זיך, טו אלעס צו זיין פרייליך, און אויב דו האסט שוין אזוי שטארק מקלקל געווען, זאלסטו וויסן***

***אז מען קען פארדעכטן און מאכן פון קלקולים-תיקונים, אז מען טוט תשובה ווערט פון עבירות, זכיות...״***

...

אזויפיל מאל קוקן מיר אויף זיך אליינס ווי א שטעכעדיגע בוים, אנגעפולט מיט אזויפיל שלעכטס. דער מענטש קוקט זיך ארום און טראכט, ׳איך בין שוין ... יאר און באלד גיי איך שוין צוריק צום אייבערשטן, און וויאזוי זע איך אויס? וואס וועט זיין מיט מיר? צו האב איך נאך האפענונג?׳

דער מענטש ווערט ארומגענומען מיט שווערע געפילן און צומאל יאוש, ׳איז נאך דא פאר מיר א וועג?׳

כי האדם עץ השדה, א מענטש איז ווי א בוים אין פעלד. פונקט ווי דער בוים זעט אויס אינמיטן ווינטער אזוי ליידיג, אזוי טרויעריג און אזוי שטעכעדיג, ווייסן מיר אז באלד, באלד מיט אביסל וואסער און זון וועט ער אויפבליען און זיין א פראכט, א הערליכע שיינע בוים, מיט וועלכע יעדער וועט זיך מחיה זיין.

איך און דו זענען נישט אנדערש! א מענטש איז געגליכן צו א בוים אין פעלד. פונקט ווי א בוים באנייט זיך יעדעס יאר פריש, פונקט ווי א בוים זעט שוין אויס ׳דערנאך׳, דאך בליעט זיך אויף יעדעס יאר פריש, אזוי איז אויך מיט אונז.

אפשר שפירן מיר יעצט קאלט, פארטריקנט, שטעכעדיג און פול מיט שלעכטס, אבער מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן וועלן מיר גיסן וואסער, התבודדות, און זיך אויסגיסן צום אייבערשטן, ״שפכו כמים לבך״, ווי וואסער און אים בעטן ער זאל אונז שוין עפענען די וועג, דעם שער, און מיר זאלן שוין אנהייבן ״שפירן״ דעם אייבערשטן.

און אויך וועלן מיר זוכן אביסל זון, אביסל נקודות טובות. דערמאן זיך אז דאך ביסטו נישט אזוי שלעכט... דאך האסטו געטון אפאר גוטע זאכן אין דיין לעבן... פארט ביסטו געווען א גוטע ווייב אמאל אמאל צו דיין מאן. דערמאן זיך פון די ווארימע זופ וואס דו האסט אפגעקאכט פאר די קינדער איין טאג.

מיט אביסל זון און וואסער וועסטו בקרוב זיין אזא שיינער און פראכטפולער בוים וואס אלע וועלן באוואונדערן. דו וועסט איין טאג צוריקקוקן און זען אז ״אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה״, די פארשעמטע שטיין, די טריקענע קאלטע טעג וועלן ווערן דער הויפט ווינקל שטיין.

מען דארף נאר אביסל תפילה און סבלנות (וואס מוז גיין אינאיינעם) און נאך אביסל תפילה און סבלנות און מען וועט זוכה זיין צו גאר שיינע זאכן.

יעצט איז ווינטער, יעצט איז קאלט, עס שפירט זיך אומעטיג. אזוי גייט דאס לעבן, אמאל אזוי און אמאל אזוי.

דער ראש ישיבה שליט״א האט אמאל געזאגט, ״א ניגון איז צוזאמגעשטעלט פון די שווארצע און ווייסע קנעפלעך פון דער פיאנא. אזוי אויך איז דאס לעבן, צוזאמגעשטעלט פון ביידע חלקים.״

אז מען וויל האבן א געשמאקע קאווע, דארף מען נעמען ביטערע קאווע, זיסע צוקער, הייסע וואסער און קאלטע מילך. אן די ביטערע קאווע איז עס נישט קיין קאווע. אן די הייסע וואסער, האט עס נישט קיין טעם.

די שיינקייט פון לעבן, די שיינקייט פון א איד איז דוקא ווען ער האט מצבים וואס שפירן זיך שטעכעדיג און טונקל און מען דערהאלט זיך. מען אנטלויפט צוריק צום אייבערשטן און מען פארלאזט זיך ווידער אויף דעם אייבערשטן, דאס מאכט דאס לעבן א לעבן! דאס איז וואס וועט אונז באגלייטן אינעם לעצטן טאג.

דער ראש ישיבה שליט״א דערמאנט אונז כסדר, ״בזה העולם מוטשטש זיך יעדער.״ דאס איז דאס לעבן.

און אז א איד איז זוכה און ער דערהאלט זיך דאן טוט מען מאכן פון ״נגע״ (צרעת) צו ״ענג״ (הנאה) אדער פון ״מניעות״ (שוועריגקייטן) צו ״נעימות״ (זיסקייט).

שוועריגקייטן, קאלטע טונקעלע טעג איז א חלק פון די סחורה פון די זאך וואס הייסט ״לעבן.״ עס איז נישט א שטראף, עס איז נישט א חסרון, עס איז א מציאות! נאכמער, עס איז די וועג צו ווערן בעסער און שענער. ווען א מענטש איז זוכה זיך צו דערהאלטן (די בעסטע לויט מיינע אומשטענדן) און געדענקן אז אפילו בהסתרה, שבתוך הסתרה... אפילו אין די טונקלע טונקלקייט, דארט איז אייבערשטער, דאן ווערן די טעג, (די טעג אן געפילן...) איבערגעדרייט און שיינען און לייכטן. זיי ווערן די גרינדשטיין, די קערל וואס הייבט אן בליען.

פארוואס איז חמשה עשר בשבט ראש השנה פאר דיביימער? עס וואלט אפשר געפאסט אז עס זאל זיין ניסן, אדער אייר, ווען די ביימער בליען שוין.

נאר די אמת איז אז אין חודש שבט, אונטער די שיכט פון קאלטע אייז, הייבט שוין דאס קערנדל אן צו שפראצן.

> אינמיטן די קאלטע און פארלאזטע ווינטער נעכט, ווארעמט זיך שוין דאס קערנדל און עס שפראצט שוין. מיר זעען עס נאכנישט, אבער עס פאסירט שוין.

דעמאלט, אינמיטן די קאלטע און פארלאזטע ווינטער נעכט, ווארעמט זיך שוין דאס קערנדל און עס שפראצט שוין. מיר זעען עס נאכנישט, אבער עס פאסירט שוין.

מיט אונז איז נישט אנדערש. דוקא דער הייליגער רבי דערמאנט אונז אבער עס הייבט אן צו בליען.

יעדע ווארט תפילה והתבודדות איז אן אייביגע זאך. עס בויעט, עס בליעט און עס טוט אויף געוואלדיגע זאכן, אפילו ווען עס איז טרוקן און קאלט.

און ווער עס וועט אדורכגיין וועט זאגן, "אילן אילן במה אברכך? פירותיך מתוקים צילך נאה." ביימעלע, ביימעלע, מיט וואס קען איך דיר בענטשן? דיינע פירות זענען זיס און דיין שאטן איז שיין!

און מיר וועלן וויסן דעם סוד. וויאזוי איז דער ביימל אזוי שיין? וויאזוי איז פון א טריקענעם בוים מיט שטעכעדיגע דערנער געווארן אזא שיינער פראכטפולער בוים?

## קאלטע טונקעלע טעג איז א חלק פון די סחורה פון די זאך וואס הייסט "לעבן." עס איז נישט א שטראף, עס איז נישט א חסרון, עס איז א מציאות!

אין די טעג וואס זעען אויס אזוי "נישט", אבער מיר פארלאזן נישט דעם אייבערשטן, נאר מיר דרייען זיך ווידער צו אים און מיר שרייען, "טאטע, איך שפיר ווי איך קען שוין נישט מער. איך האב מער נישט קיין כח." דעמאלט, דוקא דעמאלט, אונטער די שיכטן פון אייז און קעלט הייבן אן צו שפראצן שיינע זאכן. מיר זעען עס נאכנישט, כסדר, "קיין יאוש איז נישט פארהאנען!"

פון יעדן וועט נאך עפעס ווערן, אפילו איך זע אויס און איך שפיר ווי א דארן בוים, ליידיג און שטעכעדיג. אויב איך וועל נישט אפלאזן מיין גוטן ווילן, וועל איך איין טאג נאך בליען און שפראצן און נאך פארשפרייטן א שיינעם שאטן פאר אנדערע.

נאר דורך תפילה, תפילה און תפילה! לאמיר באוואסערן אונזער (טריקענעם, ליידיגן) בוים מיט אסאך תפילה און אים אויך געבן אביסל זון, נקודות טובות, און דער אייבערשטער וועט העלפן אז נאך דעם קאלטן, לאנגן ווינטער וועט זיך ענדליך באווייזן דער פרילינג. און דאן וועט ארויסוואקסן פון יעדן שווערן שטאך, פון יעדן דורכפאל, פון יעדער עבירה, וועט מיט תשובה און תפילה, ווערן גאר שיינע זאכן, בלומען, עליות און זכיות!



# Pecan Pie

BY: H. JAY

## INGREDIENTS:

- 12 MINI TART SHELLS (OR 1 PIE CRUST)
- 2 EGGS
- 6 OZ CHOPPED PECANS
- 1/2 CUP MAPLE SYRUP
- 1/2 T CINNAMON
- 1/2 T VANILLA EXTRACT
- 4 T OIL
- 1 PACK OF SWEET WHOLE PECANS (FOR THE TOP)

GLAZE (OPTIONAL)

- 1/2 LB CONFECTIONER SUGAR
- 1 T COFFEE DISSOLVED IN 3 T HOT WATER
- 2 T OIL

## DIRECTIONS:

IF USING MINI TARTS, LAY OUT TART SHELLS ON A BAKING SHEET. PIERCE THE CENTER WITH A FORK OR EACH, AND BACK FOR 10 MIN ON 325.

WHISK ALL INGREDIENTS EXCEPT THE WHOLE PECANS

POUR INTO SHELLS AND TOP WITH A WHOLE PECAN BAKE FOR 15-18 MIN

IF USING A PIE CRUST, POUR THE WHOLE BATTER INTO THE CRUST ARRANGE THE WHOLE PECANS AROUND THE TOP, AND BAKE FOR 45 MIN

LET COOL AND POUR GLAZE ON TOP



ש. טראכטער




**אין קורצן פון פריער:** מלכה וואנקער פארקויפט איר טייערע צירונגען כדי איר זון זאל קענען אנטלויפן פון לאנד, נישט צו דארפן דינען אין מיליטער.

## ב

מלכה האט אויפגעהויבן אירע אויגן מיט דאנק צום באשעפער און איז שנעל צוגעגאנגען צום טישל. "איך דארף א בילעט פאר די שיף וואס רייזט היינט אפ קיין סאוט אמעריקע."

די באאמטע האט איר אנגעקוקט מיט איבערראשונג. "א בילעט פאר היינט און איר קויפט עס היינט?"

מלכה האט זיך אביסל דערשראקן. זי האט נישט געוואלט אז מען זאל אנהייבן מיט קשיות, ווער ווייסט ביז וואו די לאנגע נעגל פון דער רעגירונג דערגרייכן?

"אה, עס איז געווען אביסל א מיספארשטענדעניש," זאגט זי מיט א געמאכטע רואיגקייט. "מיין זון, ער דארף גיין שטודירן. מיר האבן געמיינט אז די שטודיעס הייבן זיך אן צוויי וואכן שפעטער. אבער מיר האבן היינט באקומען א טעלעגראם אז די שטודיעס האבן זיך צוריקגערוקט."

"וואו וועט ער נעמען די שטודיעס?" איז די באאמטע געווען נייגעריג.

מלכה האט זיך פארלוירן. זי האט נישט געקענט די מאפע. זי האט באמת נישט געקענט קיין שטעט אין סאוט אמעריקא. זי האט זיך ארומגעקוקט פארלוירן. דאן איז איר בליק געפאלן אויף א טאוול וואו עס איז געשטאנען "ארגענטינע."

מלכה האט גענומען די איינשטעל. "ארגענטינע," האט זי נאכגעזאגט די אומבאקאנטע ווארט.

עס איז געלונגען ב"ה. די באאמטע זאגט איר, "איז דאך גוט. די שיף וואס פארט היינט ארויס, פארט טאקע פונקט דארט, נעבן ארגענטינע. עס וועט זיך פיין אויסארבעטן. עס איז נאך פארבליבן פונקט איין זיץ, וואס א צווייטער האט נעכטן אפגעזאגט. אזוי אינטערעסאנט."

מלכה האט געשמייכלט. "אינטערעסאנט? פונקט? א מעשה פון תפילה. געלויבט דעם אייבערשטן."

אפילו דער גוי האט געמוזט מודה זיין אז יש מנהיג לבירה. עס איז דא א באשעפער וואס פירט יעדן צו זיין ציל אין די פונקטליכע צייט.

מלכה האט באצאלט און באקומען די בילעט.

מיט כוחות וואס זי האט נישט געוואוסט אז זי פארמאגט, האט זיך מלכה געיאגט אהיים. איר מאן האט איר געזאגט אז ער וועט דערוויל אהיימרופן יודל און אים דערציילן, אבער זי האט נאך געוואלט אביסל צייט מיט איר טייערן אוצר.

מלכה איז אנגעקומען אהיים צו א שאקירטע משפחה. קיינער האט נישט געגלייבט וואס עס פאסירט פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן.

אבער עס איז אפילו נישט געווען קיין צייט פאר געפילן. די שיף רייזט אפ ביז פינף און א האלב שעה און יוסף דארף דא איינפאקן זיין גאנצע לעבן. ווער ווייסט ווען זיי וועלן זיך נאכאמאל זען? אויב זיי וועלן זיך נאכאמאל זען.

אין געציילטע שעות האט מען זיך געפאקט דאס נויטיגסטע, תפילין און סידורים, אביסל עסן און קליידער און אפאר חפצים וואס יוסף האט געוואלט מיטנעמען אלס אנדענק פון זיין יוגנט היים.

די יונגערע געשוויסטער, רבקה'לע און יוחנן, האבן שנעל געמאלן א צאתכם לשלום קארטל און עס באהאלטענערהייט איינגעפאקט אין זיין האנט באגאזש.

יוסף האט זיך געשפירט פארגליווערט. זיינע הענט האבן געטון וואס מען האט געדארפט, אבער זיין מח און הארץ האבן אים געשוועבט ערגעץ ווייט און ווייטער. "וואס איז דאס סאוט אמעריקע?" האט ער געפרעגט הויך.

קיינער האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

דער טאטע האט פרובירט צו בארואיגן און אויפלעבן די מצב. "עס איז א שיין פלאץ. שענער ווי ביי אונז."

"איז עס א גרויסע שטאט?" האט יוסף געוואלט וויסן.

"גרעסער ווי אונזער שטעטל," האט דער טאטע געשמייכלט.

"זענען דא דארט אידן?"

די שאלה איז געבליבן הענגען אין דער לופט און קיינער האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

"עס איז נישטא דארט קיין מיליטער," האט אים די מאמע געענטפערט.

א שטילקייט האט ארומגענומען דאס הויז.

"זענען דא דארט אידן????" די שאלה האט אפגעהילכט צווישן די ליידיגע ווענט, אבער קיין ענטפער איז נישט געקומען.

טאטע, מאמע, יוסף, רבקה'לע און יוחנן האבן זיך ארויסגעלאזט צום פארט. מען האט געזוכט עס צו מאכן שטיל אן קיין רעש, ווייל אויפמערקזאמקייט אין אזא צייט איז א גרויסע סכנה.

שנעל און שטיל האבן זיי זיך ארויסגעשלייכט פון שטעטל און זיך געיאגט צום פארט.

זיי זענען אנגעקומען שוין אביסל שפעט און די מאנשאפט פון דער שיף האט שוין ארויפגעיאגט יוסף'ן שנעל שנעל.

די שיף הייבט אן פייפן, טאטע, מאמע און געשוויסטער שטייען דארט צעמישט. פאסירט דאס אלעס אין דער ווירקליכקייט, אדער וועלן זיי זיך באלד אויפוועקן פון חלום?

הערשט דאן האט יוסף געכאפט וואס עס פאסירט, און ער האט אנגעהויבן וויינען. "טאטע, מאמע," האט ער געשריגן פון דערווייטנס, "איז דאס אמת? לאז איך יעדן איבער?"

די מאמע האט שווער גענומען די הארציגע ווערטער. די וואג פון דעם גאנצן טאג איז פלוצלינג אראפגעקומען אויף איר און עס איז איר נישט גוט געווארן.

דער טאטע איז געטראטן פאראויס און געזאגט פאר יוסף: "יוסף טייערער, גיי און זיי מצליח און געדענק אז דו ביסט א איד און דיינע עלטערן האבן אלעס אוועקגעגעבן כדי דו זאלסט בלייבן א איד."

דאס זענען געווען די לעצטע ווערטער וואס יוסף האט געהערט פון זיין טאטן.

די שיף האט ארויסגעלאזט א הויכע פייף און יוסף האט געקוקט צו זיינע עלטערן, פארלוירן אבער מחוזק. ער האט געהערט די ווערטער פון זיינע עלטערן און געוואוסט אז ער דארף זיי אריינלייגן טיף, טיף אין הארץ.

די שיף האט אנגעהויבן פארן. יוסף איז געשטאנען אויפ'ן דעק, צעמישט פון די היינטיגע איבערלעבעניש. אט איז ער נעכטן רואיג געשלאפן אין זיין בעט און זיך נישט געחלומ'ט אז א טאג דערויף וועט ער זיין אויף א שיף און רייזן צו די ווייטע סאוט אמעריקא.

יוסף האט זיך אנגעלאנט. ער האט פרובירט צו כאפן נאך א בליק אויף זיינע טייערע עלטערן און זיינע זיסע געשוויסטער. צי וועט ער זיי נאך אמאל זען? טרערן האבן אנגעפילט זיינע אויגן. ער הערט נישט און זעט נישט. ער זעט נאר זיין משפחה פאכן פון דערווייטנס און ער הערט נאר זיין טאטנ'ס לעצטע ווערטער: "בלייב א איד..." דאס איז פאר אים ווי א צוואה פון זיין אלטער היים.

די געשוויסטער האבן געפאכעט מיט זייערע הענט פון דערווייטנס. יוסף האט צוריקגעפאכעט ביז זיי זענען געווארן קלענער און קלענער און זענען אינגאנצן פארשוואונדן.

"איר זענט פארשוואונדן פון מיין אויג, אבער קיינמאל נישט פון מיין הארץ," האט

ער געזאגט צו זיך אליין.

לאנג נאכדעם וואס די שיף איז אפגעפארן, איז יוסף נאך געשטאנען און געקוקט. געקוקט אויף זיין פאראנגענהייט, געטראכט פון זיין עתיד און זיך איבערגעגעבן צום באשעפער. "איך וויל בלייבן א איד." דאס איז געווען איין זאך וואס יוסף האט זייער שטארק געוואלט.

### די רייזע

א קלאפ אין פלייצע האט אים אויפגעוועקט פון זיינע חלומות. יוסף האט זיך מיט שרעק אויפגעכאפט, בשעת זיינע ליפן שעפשען נאך, "איך וויל זוכה זיין צו בלייבן א איד..."

יוסף דרייט זיך אויס און צו זיין אנגענעמער איבערראשונג זעט ער א אידישע צורה.

ער האט דערקענט דעם בחור'ל. חיים ברוך, וועלכער האט געוואוינט אין א דערנעבנדיגן שטעטל.

"חיים ברוך," האט ער זיך געפרייט. "דו ביסט אויך אנטלאפן?"

"ש-ש-ש-ש..." האט חיים ברוך אים געוויזן, "לאמיר נישט רעדן... ווער ווייסט ווער עס שטייט אונטער אונז?"

יוסף האט זיך דערשראקן, אבער ער האט געכאפט דעם רמז.

"דו האלטסט אז די רעגירונג האט אזעלכע לאנגע הענט?" האט יוסף דערשראקן געפרעגט.

"לענגער ווי דו מיינסט," האט חיים ברוך שטיל געפליסטערט.

חיים ברוך האט צוגערופן יוסף, "לאמיר אריין אינעם שיף זיך אביסל אפרוען."

יוסף איז אים נאכגעגאנגען. עס האט זיך געשפירט אנגענעם צו זיין נעבן נאך א אידיש קינד. זיי זענען אריין אינעם שלאף קווארטיר.

יוסף האט זיך ארומגעקוקט. עס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער פארט אויף אזא סארט שיף. ער איז שוין אפאר מאל געגאנגען שיפלען אין דעם טייכל נעבן זייער דערפל, אבער דאס איז אן אנדערע סארט שיף.

די שיף אויף וועלכער ער האט איצט געגרייזט האט פארמאגט דריי שטאק. אויף דעם אויבערשטן שטאק איז געווען די מאנשאפט, די ארערטער פון שיף. אויף דעם מיטלסטע שטאק זענען געווען די

**א קלאפ אין פלייצע האט אים אויפגעוועקט פון זיינע חלומות. יוסף האט זיך מיט שרעק אויפגעכאפט, בשעת זיינע ליפן שעפשען נאך, "איך וויל זוכה זיין צו בלייבן א איד..."**

וואס האבן געצאלט אסאך געלט. דארט זענען געווען אסאך באקוועמליכקייטן, טייערע פאטעלן, מיט א שיינע דעק.

אויף דעם אונטערשטן שטאק זענען געווען די ביליגערע בילעטן, פאר די וואס האבן זיך נישט געקענט ערלויבן אויף דעם צווייטן שטאק. דארטן איז מען געשלאפן אויף באנק בעטן, בערך זעקס מענטשן אין א קליינע שטוב.

עס זענען נישט געווען קיין פענסטערס און מען האט מער געשפירט יעדע כוואליע און יעדן וואקל פון דער שיף.

יוסף האט געהאט א פלאץ אינעם אונטערשטן שטאק. ער האט גענומען א בעט און אראפגעלייגט זיין זעקל. ער האט זיך פרובירט צו מאכן באקוועם אין דעם ארט וואס וועט דינען אלס זיין וואוינארט פאר די קומענדיגע צוויי וואכן.

אויך חיים ברוך האט זיך פרובירט צו מאכן באקוועם. זיי האבן אויסגעצויגן די דינע דעקעס און פרובירט צו כאפן א קורצן דרימל.

"מיר דארפן האלטן קאפ אויף מנחה," האט יוסף אויפגעמערקט.

חיים ברוך האט לייכט צוגעשאקלט מיטן קאפ.

א קלאפ אין טיר האט צעשטערט זייער דרימל וואס האט אפשר געזאלט זיין.

"אפשר קען איך אייך סערווירן אביסל קעז?" האט אן ארבעטער פון דער שיף העפליך געפרעגט פון די צוויי בחורים.

חיים ברוך האט געשמייכלט צום סערווער און אנגענומען זיין אנבאט.

יוסף האט זיך דערשראקן. "איז דאס כשר?" האט ער געוואלט פארשטיין.

חיים ברוך האט געגעבן א קליינעם שמייכל, וואס האט באאומרואיגט יוסף. "כשר? יוסף... דו ווייסט וואו מיר פארן? אין א פלאץ וואו עס זענען נישט פארהאן אידן. אוודאי וועל איך זיך היטן פון טריפה פלייש, אבער מילכיגס? עס איז נישטא קיין ברירה, מען קען נישט אויסגיין פון הונגער."

יוסף איז געווארן צעמישט. מילא ווען מען האלט ביי פיקוח נפש, דארף מען אוודאי פרעגן אן ערליכן איד, אבער יעצט קוים א שעה נאכדעם וואס זיי האבן פארלאזט זייער היים, און זיי האבן נאך פולע באגאזשן פון עסן, וואס מיינט דאס?

יוסף האט אים אנגעקוקט צעמישט. "האסט געפרעגט א רב איידער דו האסט אפגערייזט? דו זעסט אויס צו זיכער."

*פארצעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



ג. פעקעטע

# טאנצט נישט מיט מיר

פישל איז געווען א בלוטיגער צוריסענער ארימאן. דו ווייסט פון וועלכע פישל איך רעד? נישט פישל פון אונגארן, נישט פישל פון פוילן, נישט פישל פון טערקיי, איך רעד פון פישל פון די ביכל.

פישל האט זיך דערזען אן קיין פרוטה צו שפייזן זיין משפחה, איז ער געגאנגען זוכן אן הלוואה. ער האט אויסגעקלאפט אין שול מיט טרערן אין די אויגן און א געשטיקטע שטימע, בעטנדיג א נדבה. פארשטייט זיך אבער, דער עולם איז שוין געווען נערוועז פון אים, ווייל יעדן טאג האט ער געזונגען די זעלבע ניגון אז ער דארף שפייזן זיין משפחה. דאס מאל אבער האט ער געזאגט ער איז מסכים עס צו נעמען אלס הלוואה, ער וועט נישט נעמען צדקה מער, ער נעמט זיך אונטער אפצוצאלן ביזן לעצטן פרוטה.

חיים, דער גוט הארציגער, כאטש ער איז קיין גרויסער גביר נישט געווען, האט רחמנות געהאט אויף פישל, אויף די טרערן וואס ער האט ארויסגעקוועטשט פון זיינע אויגן, און אים געגעבן א שיינע הלוואה מיט אן אפצאלונג צייט פאר בלויז א חודש ארום. פישל גייט אהיים פרייליך, און חיים פרובירט זיך טרייסטן אז ביז א חודש צייט וועט ער אוודאי צוריקזען זיין געלט וואס פישל האט גע'חתמ'עט, און ער דארף זיך באמת נישט זארגן.

ויהי היום, דער חודש איז פארביי, און חיים קלאפט אויפן טיר פון פישל. פישל עפנט אויף מיט א ברייטע שמייכל און שרייט אויס, "גוט מארגן חיים, וואס טוט זיך? וואס מאכסטו? וויאזוי קען איך דיר העלפן היינט?"

חיים גייט גלייך צום ענין, "פישל, ס'קומט מיר היינט מיין געלט וואס

דו האסט געבארגט, איך וויל די גאנצע סכום שוין יעצט."

פישל האט זיך פארלוירן פאר א מינוט און הייבט אן שטאלמלען, "חיים, דו דארפסט פארשטיין, איך האב א משפחה, איך קען זיי נישט לאזן הונגערן. ס'קען נישט זיין אז א חודש איז שוין פארביי, איך האב דאך געזאגט איך וועל פרובירן די בעסטע וואס איך קען דיר אפצאלן, דערווייל איז מיר נאך נישט געלונגען. זארג דיך נישט, איך וועל דיך נאך אפצאלן" און פארמאכט די טיר אין חיים'ס פנים.

חיים געבט ארויס א טיפע זיפץ, "אוי, פארוואס בין איך נאכאמאל געפאלן פאר פישל'ס קראקאדייל טרערן? פארוואס האב איך זיך אריינגעלייגט אין דעם פעקל? קען איך דען נישט פישל? האב איך דען נישט געוואוסט אז ער האט נישט וויאזוי צו באצאלן?" ער גייט אהיים א דערשלאגענער, אבער ער האט נאך נישט אויפגעגעבן אויף זיין געלט.

יעדע אינדערפרי האט ער אריינגעקלאפט צו פישל אין טיר און פרובירט מאנען זיין געלט, אבער פישל האט ארויסגענומען די רחמנות קארטל און פרובירט שפילן אויף זיינע רחמנות'דיגע געפילן. ווען דאס האט שוין נישט געארבעט, האט פישל פרובירט אן אנדערע טאקטיק: ער האט אנגעהויבן שפילן דער נרדף. "פארוואס רודפ'סטו מיר, חיים?" פלעגט ער אים שרייען, "לאז מיך אפ! דו זעסט נישט איך לייד? איך האב נישט אויף צום לעבן. וויאזוי וואגסטו זיך קומען מאנען געלט, אן אלטע מעשה וואס איז שוין פון לאנג פארביי? פארוואס טשעפעסטו מיר, חיים? הער אויף קומען צו מיין טיר!"

חיים אבער האט געדארפט זיין געלט צוריק און האט נישט אויפגעגעבן. פישל האט שוין נישט געקענט דערטראגן די לחץ פון זען חיים ביי זיין טיר יעדע אינדערפרי. זיין פרוי האט אים געזאגט אז עס טרעט איר צו צום נערוון און ער זאל שוין זען פטור צו ווערן פון חיים.

פישל האט געזוכט א קלוגע יועץ, איינער זאל אים אן עצה געבן וויאזוי ער זעט זיך ארויס פון די פלאנטער פון חיים וואס קומט מאנען די געלט, וואס פאר אים קוקט עס אויס אן אלטע פארגאנגענע פרשה וואס האט בכלל נישט קיין שום קראפט.

ער זעצט זיך אוועק מיט דעם יועץ און שמועסט אויס זיין פראבלעם: "איך קען נישט דערטראגן מער אז חיים קומט יעדן טאג קלאפן אויף מיין טיר. ס'וועקט אויף די שטוב, יעדער פאלט אריין אין א שווארצע גוסטע ווען מ'הערט חיים מאנען געלט. דאס איז אן אלטע פארגאנגענע מעשה, ער ווייסט קלאר אז ס'איז נישטא פון וואו ס'צוריקצוצאלן. אפשר קענסטו מיר געבן אן עצה וויאזוי זיך ארויסצוזען פון די פלאנטער, פון די פראבלעם?"

דער יועץ הערט שטילערהייט אויס פישל און פארטראכט זיך פאר אפאר מינוט. פלוצלינג שפרינגט ער אויף מיט א מורא'דיגע געדאנק: "פישל, דאס איז עס! איך האב א פלאן וואס וועט ארבעטן, נישט סתם. הער זיך גוט איין וואס איך זאג דיר.

יעדן אינדערפרי ווען חיים קומט קלאפן אויף דיין טיר, זאלסטו אים אנכאפן ביידע הענט און גיין א טענצל מיט אים אין די גאס. נישט קיין חילוק צו ס'רעגנט, שיינט אדער שנייט, דו כאפ אים אן ביי ביידע הענט און הייב אן טאנצן אינמיטן גאס. זינג די זעלבע ניגון יעדע איינציגן טאג, און זאג אים, "חיים, לאמיר שפרינגען!" און אזוי צוזאמען מיט אים פאנג אן שפרינגען אינמיטן גאס. ס'וועט נישט נעמען א לאנגע צייט, און חיים וועט איינזען אז דו האסט פארלוירן דיין זין. ער וועט דיך צורו לאזן, ער וועט זען אז ס'איז נישטא מיט וועם צו גיין צום טיש, דו ביסט אינגאנצן באריירט געווארן פון דיינע חובות, דיינע צרות און פראבלעמען.

פישל האט זיך ארויפגעכאפט אויף די קלוגע עצה. ערווארט שוין קוים די זון זאל אויפשיינען צו הערן חיים'ס קלאפ אויפ'ן טיר. חיים האט נישט אנטוישט און קומט ווידער קלאפן, נישט חלומ'ענדיג וואס ווארט אים אפ. בים ערשטן קלאפ איז שוין די טיר ברייט אפן געווען, און פישל קומט אים פריילעך אנטקעגן. "חיים!" כאפט ער אים אן שטארק ביידע הענט און רוקט זיך ארויס מיט אים אינמיטן גאס. ער הייבט אן גיין א טענצל.

חיים האט נישט געוואוסט וואס האט אים באפאלן. "איך בין זיך געקומען בעטן די געלט וואס דו ביסט מיר שולדיג," קוועטשט ער ארויס צווישן די הויכע טענער וואס פישל זינגט אינמיטן גאס.

פישל מאכט זיך ווי ער הערט נישט, ער זינגט נאך העכער און שפרינגט גאר שטערקער, שלעפנדיג חיים מיט מיט אים.

חיים האט געפילט ווי זיין פנים ווערט רויט פאר בושה. ס'איז געווען אינדערפרי, ווען די שטאט'ס לייט זענען אלע געווען אויפ'ן וועג צום בית המדרש אדער ארבעט, און ער האט נישט געקענט פארטראגן די בושה פון די ספעקטאקל וואס פישל האט דא פון אים געמאכט. ער האט אפגעלאזט פישל'ס הענט און אוועקגעלאפן וואס שנעלער.

אזוי האט זיך אפגעשפילט די נעקסטע פאר טאג, חיים קלאפט אין טיר, און פישל כאפט אים אין א טענצל אינמיטן גאס, צענטער פון שטאט. חיים האט נישט קיין חשק געהאט פאר דעם גאנצן שפיל. ער האט שנעל מחליט געווען אז די חוב איז אים נישט ווערד די בושות וואס פישל באגיסט אים יעדן אינדערפרי אין די גאסן, און מחליט געווען א כפרה אויף די געלט, פארוואס זאל איך ווייטער ליידן פון דעם פישל? און ער האט אויפגעהערט קלאפן אין פישל'ס טיר. פישל פריידט זיך, ער איז לויז געווארן פון דעם חיים וואס פלעגט אים מאנען דאס געלט.

איין טאג טרעפט זיך פישל באגעגענען דעם יועץ וואס האט אים די גוטע עצה געגעבן. דער יועץ פרעגט פישל, "נו פישל, וויאזוי ארבעט זיך אויס די פלאן? וויאזוי גייט עס מיט חיים?"

"גאר פיין האט געארבעט דיין גוטע עצה," ענטפערט ער אים צוריק מיט געלעכטער, "איך בין פטור געווארן פון דעם נודניק חיים."

"נו," מאנט דער בעל יועץ, "יעצט איז געקומען די צייט צו באצאלן פאר די עצה."

פישל טראכט נישט קיין צוויי, ער כאפט אן ביידע הענט פון דעם מכובד'יגער יועץ און הייבט אן שפרינגען דארט אויפן פלאץ מיט דעם יועץ. ער זינגט און שפרינגט קריכנדיג העכערע טענער מיט יעדע פארבייגייענדע סעקונדע. דער יועץ האט פיין פארשטאנען וואס שפילט זיך אפ, און אפגעשטילט פישל מיט א פראסק אין פנים. דער פראסק האט אים צוריקגעברענגט צום זינען, און אויפגעשאקלטערהייט פרעגט ער: "וואס גייט פאר? וואס ווילסטו פון מיר?" זאגט אים דער יועץ: "אז איך גיב דיר אן עצה וואס האט דיר געהאלפן, קענסטו נישט נוצן דעם זעלבן עצה זיך ארויסצודרייען פון דעם חוב וואס דו האסט צו מיר פארן דיך ארויסשלעפן פון דיין טיפן פלאנטער."

אומצאליגע מאל לערנען מיר אין די הייליגע ספרים "אשר בנחל" די שיינקייט פון די מידה פון הכרת הטוב, און די פרעכקייט פון זיין א כפוי טובה.

דער ראש ישיבה האלט אונז אין איין דערמאנענן, מיר זאלן קוקן וויאזוי מיר פלעגן אויסזען פאר אונזער התקרבות צום הייליגן רבי'ן, פארן הערן די אומצאליגע שיעורים פון חיזוק אויף תפילה, אמונה, שמחה, שלום בית, און פיל מער עצות וואס געבט אונז א וועג אין לעבן, און קוקן וויאזוי מיר זעען היינט אויס. ווער האט דאס אלעס געמאכט מיט דיר? ווער האט דאס אלעס געטוישט אין דיין מוח?

איך האב געזען ווי נידריג דער צדיק קען גיין, איך בין דאך דארט געווען ווען ער איז מיר געקומען ארויסנעמען, היינט בין איך שוין א שיינער איד, איך דארף נישט די פשוט'ע עצות וואס מ'פארקויפט אין היכל הקודש, איך קען פיל מער עררייכן, און אנשטאט פון זיין א מכיר טוב, פאלט מען אריין אין די שלעכטע מידה פון כפוי טוב, מ'שטופט צוריק פאר דער וואס האט דיר ארויסגענומען פון דיין שווערסטע מצבים.

שבת שורה לייגן מיר ארויס ברעקלעך פאר די פייגלעך אויף א מעשה וואס האט פאסירט טויזנטער יאר צוריק. מיינסט א פייגל ווייסט אז די ברעקל וואס איך לייג אויף מיין פארטש ביים פענסטער איז אלס הכרת הטוב פאר דעם וואס זיי האבן געטון אין מדבר ביים אויפעסן די מן וואס די ערב רב האבן ארויסגעלייגט צו שפעטן פון משה רבינו?

איך בין נישט אזוי זיכער אז ביים לייגן די ברעקלעך איז עס כדי די פייגלעך זאלן זיך טשיפקענען פון פרייד פאר די ברעקלעך, דאס איז פאר מיר אז מיין מוח זאל געבן א קיצל און טראכטן פאר איין רגע פון די שיינע מידה פון הכרת הטוב.

אויב נאך אזויפיל יאר איז איינגעפירט ביי כלל ישראל צו לייגן ברעקלעך אלס אן הכרת הטוב שריט, איז דאך זיכער אז עס דארף מיר דערמאנענן אין מיין טאג-טעגליכן לעבן צו לעבן מיט די ידיעה, און נישט פארגעסן ווער עס האט מיר געהאלפן, און שטענדיג מכיר טוב זיין פאר די אלע גוטס וואס מיר באקומען דא.

איבער 50 יאר זייען וואס מוהרא"ש האט מיט בלוט און שוויס געזייט, און אן ארץ זמממה, קען מען שוין טאקע היינט שפירן אביסל דעם **ברינה יקצורו**. עס ווערט שענער און גרינגער אננצונעמען דעם רבי'ן'ס עצות היינט. אבער מיר דארפן געדענקן און דאנקן דעם אייבערשטן פארן צדיק מוהרא"ש וואס האט געמאכט דעם **הזורעים בדמעה**, יארן געאקערט, געפלאנצט און געזייט, פארשפרייט דעם רבי'ן אויפן גאנצן וועלט, אן קיין שום כבוד אדער העלף, נאר פארקערט... און ב"ה היינט ברענגט דער ראש ישיבה ווייטער אראפ די ליכטיגע עצות וואס מוהרא"ש האט אראפגעברענגט און זייעט עס טיפער אריין אין הארצן, נאך שטערקער און טיפער פארן יעצטיגן דור.

לאמיר אויסשרייען אשרינו מה טוב חלקינו **אשר בנחל** גורלינו.

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## ש'כח פאר... די פולע האלב גלאז

דיין בייק קענסטו מיר בארגן,
כאטש אויף ביז מארגן?
דיין בייק קען איך נוצן,
דערמיט ארומרייסן און שוויצן?

*נישט קיין ש'כח, נישט קיין דאנק,*
*נאר נאכאמאל א פארלאנג...*

איך קען האבן דיין בייק אביסל נאך,
זונטאג, מאנטאג, דינסטאג, און מיטוואך?
דיין בייק מיט די שרייעדיגע קאלירן,
קען איך מיט דעם ארומשפאצירן?

*נישט קיין ש'כח, נישט קיין דאנק,*
*נאר נאכאמאל א פארלאנג...*

וואס גייט דא פאר?
כמעט ער פלאצט...
ער פילט זיך קלאר,
אונטערגעשאצט!

וואו איז דער דאנק,
פארשטייט ער נישט!
נאך א פארלאנג,
יעדן טאג פריש...

בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן,
פון באשעפער נישט אפטרעטן!
יא! דער אייבערשטער וויל עס,
אונזערע תפילות.

אבער וואס געשעט,
ווען נאר מען בעט,
און די ישועה,
נאכנישט מען זעט?

כאפט זיך אריין עטוואס,
אביסעלע פארדרוס,
עצבות,
קשיות, ספיקות,
פארוואס,
אויף אונזער גרויסער בעל הבית.

עס פעלט מיר,
איך דארף,
דאס און דאס,
און דיין focus,
דיין דגוש,
בלייבט אויף 'נישט',
איך האב נאכנישט,
מיין באדערפעניש.

צייל דיינע געשאנקען!
Count your blessing!
דאנקען און דאנקען,
טו נישט פארגעסן...

בעט און דאנק, דאנק און בעט,
דעם באשעפער טאג טעגליך,
און אזוי דעם 'יא' מען זעט,
ש'כח באשעפער,
איך בין אזוי פארמעגליך!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**


ער היים
נייע רובריק:
טרעפליך
שרייב טישל
הילולא קדישא
מוהרא"ש
זי"ע

# היימיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## א פארדארבן עפל

**די זון האט געבראטן. איך האב געזוכט א שאטן אבער אן ערפאלג. איך בין דאך נישט אריין אין הויז ווייל מיין בליק איז געווען קאנצענטרירט אויף דעם קליינעם ווערימל. איך האב אים באטראכט מיט נייגער. דער ווארעם האט זיך געדרייט אהער און אהין און געזוכט עפעס צו עסן. מיט וואונדער האב איך אים באטראכט ווי ער לאקערט נאך א שיינעם, רויטן, זאפטיגן עפל.**

די זון איז שוין לאנג פארביי און דער קאלטער ווינטער איז געקומען. רייזי איז געגאנגען מיט מיר אין סקול יעדן טאג מיט די זעלבע שמחה. אבער איין טאג האט זיך עפעס געטוישט אין רייזי. זי איז שוין מער נישט געווען דאס זעלבע. רייזי האט זיך שוין נישט איינגעהערט צו די לערערינ'ס שיעור מיט דעם זעלבן אינטערעס. זי האט זיך שוין נישט אריינגעלייגט אין די לימודים מיט דעם זעלבן חשק ווי פריער. איין טאג אויפן וועג אהיים פון סקול האב איך איר געפרעגט, "זאג מיר רייזי, וואס גייט פאר מיט דיר?"

רייזי'ס אויגן האבן אנגעהויבן גלאנצן. אבער נישט קיין גוטער גלאנץ. איך האב דערקענט דעם בליק. עס האט מיר עפעס דערמאנט פון יענעם הייסן זומער טאג ווען דאס ווערימל האט געלאקערט נאכן שיינעם עפל.

**דאס קליינע ווערימל האט געלאקערט מיט גלוסטיגע אויגן. שטייטלער, שטייטלער איז עס צוגעגאנגען צו דעם שיינעם עפל און א לעק געטאן. און דאן האט עס געגעבן א קליינעם ביס, ממש אומבאמערקבאר. אבער איך האב דאס באמערקט. "נישט געפערליך," האב איך דאן געטראכט, "וואס קען שוין געשען צום עפל?" נאכדעם האט מיין מאמע מיר גערופן. איך האב זיך אויפגעהויבן און איבערגעלאזט דעם ווערימל מיטן שיינעם עפעלע.**

רייזי האט געקוקט אויף מיר און זיך צוגעבויגן און אנגעהויבן צו רעדן שטיל, כאילו זי וויל מיר זאגן א סוד. "איך האב א גוטע בוך פאר דיר. דו וועסט הנאה האבן דערפון. דו ביסט א קלוג מיידל. נאר היט זיך אז דיין מאמע זאל עס נישט זען."

א שרעק האט מיר ארומגענומען. "ניין, איך וויל עס נישט," האב איך איר פעסט געזאגט. רייזי האט זיך אבער נישט דערשראקן. זי האט געשמייכלט צו מיר מיט א זיסן סם און מיר געזאגט, "גוט, אבער אז דו וועסט ליינען די ערשטע בלאט, וועסטו שוין פארשטיין."

איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט צו נעמען דאס בוך פון איר, אבער דאן האב איך זיך עפעס דערמאנט.



**ווען איך בין ארויסגעקומען אין פעלד אביסל שפעטער יענעם זומערדיגן נאכמיטאג, בין איך געווען ערשטוינט צו באמערקן אז דער הערליכער עפל איז געלעגן פארשעמט און ברוין אויף דער ערד. איך האב זיך אראפגעבויגן נעבן דעם עפל און אים באטראכט. די לאך וואס דער ווערימל האט געמאכט איז געווען קליין און כמעט נישט אנזעבאר, אבער גענוג אויף אנצוזייען א חורבן. איך האב געשטוינט. אזא קליינע ביס קען מאכן אזא חורבן? עס האט מיר געארט אויף דעם שיינעם עפל וואס איז צוגרונד געגאנגען א דאנק דעם פאר'סמ'טן ביס פון דעם קליינעם ווארעם. איך בין דאן אריין אין דער היים און דערציילט פאר מיין מאמע וואס איך האב בייגעוואוינט. "מאמי," האב איך איר געזאגט, "אזא קליין ביס קען מאכן אזא גרויסן חורבן?"**

**מיין מאמע האט אראפגעלייגט דעם שיילער פון איר האנט מיט וועלכן זי האט געהאלטן אינמיטן שיילן קארטאפל און מיר געזאגט, "בלומעלע, יא. א קליינע ביס קען מאכן א גרויסן חורבן. אבער נישט נאר ביי אן עפעלע," האט זי צוגעלייגט נאך א מינוט, "נאר אויך ביי חבר'טעס. א קליין ווארט אדער חוזק פון א חבר'טע קען פארדארבן אפילו דעם שענסטן עפל. מען דארף זיך היטן נישט צו באקומען אפילו א קליינע ביס," האט די מאמע פארענדיגט מיט א שמייכל.**

> "מאמי, איך האב נישט געלאזט אז א קליינע ביס זאל מיר פארדארבן," האב איך געזאגט מיט שטאלץ. מיין מאמע האט געקוקט צו מיר מיט נייגער און נישט פארשטאנען וואס איך רעד.

איך האב פיל אריינגעקלערט דאן אין מיין מאמע'ס רייד, אבער איך האב עס נישט געקענט אזוי גוט פארשטיין. יעצט ווען איך בין געשטאנען קעגן רייזי מיט איר אויסגעשטרעקטע האנט און דעם טריפה'נעם בוך, האב איך עס פלוצלינג פארשטאנען. איך האב שנעל צוריקגעצויגן מיין האנט און אנגעהויבן אוועקצושפאצירן מיט פעסטע טריט. איך האב געוואוסט אז מיין מאמע וועט זיין שטאלץ מיט מיר. רייזי האט מיר נאכגעקוקט געפלעפט און אויסגעשפילט, אבער איך האב זיך נישט וויסנדיג געמאכט.

"מאמי," האב איך אויסגערופן מיט פרייד.

מיין מאמע האט אויפגעהויבן א שמייכלדיגן בליק צו מיר פון קאך. זי האט געהאלטן אינמיטן אויסשטעלן א שיינע טאץ פרוכט לכבוד חמשה עשר בשבט.

"מאמי, איך האב נישט געלאזט אז א קליינע ביס זאל מיר פארדארבן," האב איך געזאגט מיט שטאלץ. מיין מאמע האט געקוקט צו מיר מיט נייגער און נישט פארשטאנען וואס איך רעד. איך האב איר אויספירלעך דערציילט וואס האט פאסירט און געענדיגט מיט א שמחה.

מיין מאמע האט אפגעווישט אירע הענט און האט מיר פעסט ארומגענומען. "בלומעלע, דו ביסט מיין הערליכער עפל," האט זי געזאגט מיט שטאלץ און אויך מיט א טרער פון פרייד. "דו ביסט מיין נחת!"

און איך האב געוואוסט אז איך האב ריכטיג געטון, ווייל אפילו איין בלאט, איין ביס איז גענוג צו פארדארבן דעם שענסטן עפל.

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **מוהרא"ש זי"ע**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער באבא סאלי זי"ע**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי"ה





געווינער פון פארגאנגענע וואך: **חי'לע לאנדא**

# יארצייט פון די וואך

אונזער טאטע
## מוהרא"ש
זי"ע

יארצייט:
י"ז שבט

**די קומענדיגע וואך דינסטאג י"ז שבט געפאלט אויס די יארצייט פון אונזער גרויסן מנהיג און צדיק מוהרא"ש זי"ע.**

**עס איז דא אזויפיל צו דערציילן און רעדן פון מוהרא"ש, פון זיין מסירת נפש, פון זיין תורה, פון זיין זהירת המצוות. מוהרא"ש זי"ע האט זיין גאנצע לעבן אוועקגעגעבן פאר אונז אויסצוטרעטן א וועג אז מיר זאלן קענען זיין ערליכע אידן.**

**מוהרא"ש זי"ע האט אריינגעברענגט די עצות פון הייליגן רבי'ן אין די גאנצע וועלט. מיט די מיליאנען קונטרסים און ספרים איז דער רבי באוואוסט געווארן פאר אונז אלע. די הייליגע ספרים ברענגען אריין אין אונז אזא שטארקע אמונה צו גלייבן און וויסן אז נאר דער אייבערשטער קען אונז העלפן און נאר צו אים זאלן מיר בעטן אלעמאל.**

**מיר קענען זיך אזויפיל לערנען פון מוהרא"ש'ס לעבן. היינט האבן מיר בס"ד אראפגעברענגט ממש אפאר שטריכן פון וועלכע מיר קענען זיך לערנען וויאזוי צו זיין ערליכע אידן.**

### תורה

עס איז שפעט ביינאכט. אלע מענטשן פון הויז שלאפן שוין. דער גרויסער צדיק מוהרא"ש זי"ע איז נאך געווען א יונגער בחור און ער גליסט צו לערנען נאך און נאך תורה. מוהרא"ש זי"ע האט געהאט א סדר וואס ער האט געוואלט לערנען יעדע נאכט.

אין יענע צייט איז נישט געווען קיין גרויסע און באקוועמע לעקטערס אזויווי מיר זענען צוגעוואוינט. מוהרא"ש זי"ע האט געלערנט צו די שיין פון א נאפט לאמפ. דאס מיינט, אזא סארט ליכט וואס ליגט אין א גלעזערנעם האלטער און ברענט א לאנגע צייט.

מוהרא"ש זי"ע פלעגט יעדע נאכט אפרעכטן תיקון חצות. אויך האט ער געהאט א סדר דרך הלימוד וואס ער האט געלערנט ביינאכט.

איין נאכט זעט מוהרא"ש ווי דאס לעכט האלט זיך שוין כמעט ביים אויסלעשן. מוהרא"ש איז געווארן זייער בצער, ווייל ער האט נאך געוואלט זאגן תיקון חצות און לערנען פאר א שעה און א האלב, און דא זעט ער אז די ליכט גייט זיך אט אט פארלעשן.

מוהרא"ש האט אנגעהויבן זייער שטארק צו בעטן דעם אייבערשטן, "אייבערשטער, איך וויל לערנען תורה. איך וויל נאך אניאגן אלע מיינע שיעורים. העלף מיר אייבערשטער, אז די ליכט זאל ווייטער ברענען!"

און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס. די ליכט וואס האט שוין כמעט אויסגעברענט, האט פלוצלינג אויפגעפלאקערט אין א שטארקע פלאם און האט ווייטער געברענט פאר נאך א גאנצע שעה מיט א האלב, אזוי לאנג ווי מוהרא"ש איז אנגעגאנגען מיט זיין הייליגע עבודה פון לערנען תורה.

### תפילה

מוהרא"ש האט אונז געלערנט די גרויסקייט פון בעטן דעם אייבערשטן. אויך האט מוהרא"ש אסאך גערעדט מיט אונז אז תפילה גייט צוזאמען מיט סבלנות, געדולד.

אסאך מאל טראכט א מענטש, "איך האב שוין געבעטן און איך זע נישט אז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן." אבער דער אמת איז אז א איד טאר נישט אזוי זאגן. א איד ווייסט אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן איין מאל און נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, ביז דער אייבערשטער וועט העלפן.

מוהרא"ש האט דערציילט אז ער האט "צוואנציג יאר" געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל קענען בויען א גרויסע שול אין די שטאט יבנאל (די ברסלב'ע שטאט וואס מוהרא"ש האט אוועקגעשטעלט אין ארץ ישראל). עס האט אויסגעזען ווי עס גייט נישט געשען. אבער מוהרא"ש האט נישט אפגעלאזט די הייליגע זאך פון תפילה. נאך צוואנציג יאר בעטן האט מוהרא"ש זוכה געווען אז מען האט געבויעט א הערליכע שול אין די שטאט יבנאל.

עס האט זיך געמאכט אמאל צווישן די ברסלב'ע חסידים אז מען האט געשמועסט איבער אן ערליכער איד פון ארץ ישראל מיטן נאמען רבי יצחק ברייטער הי"ד. איינער האט דערציילט אז ער פלעגט מאכן שעות לאנג התבודדות. אבער די אנדערע חברים האבן דאס אוועקגעמאכט. זיי האבן גע'טענה'ט אז עס קען נישט זיין, זיי גלייבן נישט די מעשה.

ווען מען האט דאס דערציילט פאר מוהרא"ש זי"ע האט ער זיך זייער פארוואונדערט, "פארוואס טראכטן זיי אז עס קען נישט זיין? ביי מיר איז עס א דבר פשוט, אין יעדע צייט קען מען מאכן התבודדות פיר אדער פינף שעה, און צומאל קען מען מאכן התבודדות א גאנצן טאג. פארוואס גלייבן זיי עס נישט?"

דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז

א וועג פון התבודדות וואס מיר קענען אויך נאכמאכן. דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אונז, "מאך איין מינוט התבודדות. לאמיר איינטיילן די מינוט אין דריי. צוואנציג סעקונדעס זאגט מען "שכח אייבערשטער פאר... און... און...'. נאך צוואנציג סעקונדעס בעט מען דעם אייבערשטן, 'אייבערשטער העלף מיר... און... און...' און צוואנציג סעקונדעס בעט מען איבער דעם אייבערשטן, 'אייבערשטער זיי מיר מוחל אז...'"

אז מיר וועלן פאלגן די זיסע עצות וועלן מיר זוכה זיין צו ווערן גרויסע צדיקים.

## זען גוטס אין יעדן איד

מוהרא"ש זי"ע האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן, און אזוי אויך אסאך געלערנט תורה אויפן וועג וויאזוי דער הייליגער רבי לערנט אונז אויס, ביז ער איז אויסגעוואקסן א גרויסער הייליגער צדיק, און אנגעהויבן גאר שטארק שפירן דעם אייבערשטן אויף טריט און שריט, ער האט געשפירט א געוואלדיגע ליכטיגקייט.

מוהרא"ש זי"ע דערציילט אז אין יענע צייט נאכן זיין מקורב צום רבי'ן אפאר יאר פלעגט ער ארויסגיין אין גאס און זען ווי מענטשן זענען פארנומען מיט נארישקייטן, מען שמועסט פון שטותים, מען נעמט קערבס (בעסקעטס) און מען גייט איינקויפן זאכן אין מארק, ער האט זיך זייער געוואונדערט, "וויאזוי קענען מענטשן זיין פארנומען מיט נארישקייטן? וויאזוי פארגעסט מען פון דעם אייבערשטן?!" מוהרא"ש האט נישט געקענט פארשטיין און עס האט אים אזוי פארוואונדערט, ביז ער האט אנגעהויבן קוקן נישט גוט אויף די מענטשן ארום. "וויאזוי קענען מענטשן פארלאזן דעם אייבערשטן, וויאזוי שפירן זיי נישט דעם אייבערשטן? וויאזוי קענען זיי זיין פארנומען מיט אזעלכע שטותים?"

ווען מוהרא"ש האט געזען אז ער קוקט נישט מיט א גוטע אויג אויף מענטשן, האט מוהרא"ש זי"ע אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן, "אייבערשטער, נעם אוועק פון מיר די ליכטיגקייט וואס איך זע און איך



# יארצייט פון די וואך

שפיר. העלף מיר אז איך זאל נישט שפירן מער די ליכטיגקייט, ווייל וואס האב איך דערפון אויב איך קוק צוליב דעם נישט גוט אויף אנדערע אידן?!"

מוהרא"ש זי"ע דערציילט אז נאך אסאך תפילות האט אים דער אייבערשטער טאקע געהאלפן און די ליכטיגקייט איז אוועקגענומען געווארן.

מיר זעען דערפון ווי שטארק מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן צו קוקן גוט אויף יעדן איד. מוהרא"ש זי"ע האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים אוועקנעמען די שטארקע ליכטיגקייט, נאר כדי ער זאל קענען קוקן גוט אויף א צווייטן איד.

## כיבוד אב ואם

מוהרא"ש זי"ע האט זייער שטארק מכבד געווען זיינע טאטע און מאמע. ער פלעגט רופן זיינע עלטערן צוויי מאל א טאג.

איינמאל האט מוהרא"ש זיך געגרייט צו גיין קיין ארץ ישראל. אין די זעלבע צייט האבן זיינע עלטערן זיך אויך געגרייט צו פארן קיין ארץ ישראל.

מוהרא"ש זי"ע איז אריבערגעגאנגען צו זיינע עלטערן איידער ער איז געפארן, כדי ער זאל זיי קענען העלפן זיך פאקן. זיין מאמע האט געהאט צופיל זאכן און זי איז געווארן אביסל אומרואיג, ווייל עס איז נישט אריינגעגאנגען אין דעם רענצל. זי האט אנגעהויבן זארגן, "וויאזוי וועל איך האבן מיינע זאכן אין ארץ ישראל?"

מוהרא"ש זי"ע האט איר בארואיגט און געזאגט אז ער וועט אהיימנעמען די איבעריגע זאכן וואס האבן נישט קיין פלאץ אין דעם רענצל, און ער וועט עס מיטברענגען מיט זיך קיין ארץ ישראל. "ווען איך וועל אנקומען וועל איך עס ברענגען צו דיר," האט ער געזאגט פאר זיין מאמע.

אבער מוהרא"ש זי"ע האט געזען אז זיין מאמע איז נישט רואיג. זי האט, ווי עס זעט אויס, געזארגט אז מוהרא"ש וועט אפשר נישט געדענקען אירע זאכן.

מוהרא"ש זי"ע האט דאס באמערקט און ער האט געוואלט נאר פרייליך מאכן זיין מאמע.

האט מוהרא"ש איר געבעטן צוווארטן אפאר מינוט. "איך קום שוין צוריק, מאמע."

מוהרא"ש האט שנעל גערופן א קאר און ער איז אהיימגעפארן צו זיך אינדערהיים, געברענגט די ליידיגע רענצל, איינגעפאקט די מאמע'ס זאכן דארט און געוויזן פאר דער מאמע אז אלעס איז מסודר. נאר נאכדעם וואס זיין מאמע איז געווען רואיג און זיכער איז מוהרא"ש צוריק אהיימגעפארן צו זיך מיט זיין רענצל און געגאנגען זיך צוגרייטן זיינע זאכן.

ביי מוהרא"ש האט נישט געמאכט קיין חילוק צייט אדער געלט ווען עס איז געקומען צו מכבד זיין טאטע און מאמע.

מוהרא"ש'ס טאטע האט געהאט א שול אין דעם אנדערן עק בארא פארק, וואס דאס איז געווען בערך א שעה ווייט פון מוהרא"ש'ס דירה (ווען מען גייט צופיס). מוהרא"ש'ס טאטע האט נישט געהאט גענוג מענטשן אין זיין שול צו קענען דאווענען מיט א מנין, דעריבער פלעגט מוהרא"ש גיין יעדן שבת צו זיין שול, אז זיין טאטע זאל האבן א מנין! דאס מיינט אז ער איז יעדן שבת געגאנגען צוויי שעה, איין שעה אהין און איין שעה צוריק, אין די קאלטע ווינטער און אין די זומערדיגע היצן, אלעס נאר כדי צו מכבד זיין דעם טאטן.

## בענטשן אין א בענטשער

מוהרא"ש זי"ע פלעגט אין די יונגע יארן פארן אין די זומער מיט די משפחה אין די קאנטרי. איין יאר איז זיין באנגעלוי



געווען טיר ביי טיר מיט א געוויסן רב. יענער רב האט געהאט א זון וואס האט נישט געלערנט אין א ישיבה. דער געזעץ אין אמעריקע אין יענע צייט איז געווען אז אויב איינער לערנט נישט אין א ישיבה אדער להבדיל אין א סקול (קאלעדזש), דאן דארף ער זיך מעלדן צו דינען אין דער אמעריקאנער ארמיי.

דער רב האט זיך געזארגט אז זיין זון וועט גענומען ווערן אין ארמיי. איין טאג הערט מוהרא"ש ווי דער זון זאגט פאר זיין טאטן, "וואס וועט שוין זיין אויב זיי וועלן מיר אריינצווינגען אין ארמיי? זיי וועלן מיר נעמען און אפשניידן די בארד און פאות. דערנאך וועל איך נעמען א גוטן אדוואקאט און איך וועל נעמען די ארמיי אין געריכט (איך וועל טענה'ן אז זיי האבן מיר געצוואונגען צו טון זאכן קעגן מיין גלויבן, וואס איז נישט אויסגעהאלטן לויט די געזעצן פון אמעריקע) און איך וועל זיכער געווינען דעם פראצעס. זיי וועלן דארפן באצאלן דערפאר און איך וועל ווערן א גרויסער עושר!"

דער טאטע, אן ערליכער רב, האט זיך זייער דערשראקן און זיך צעשריגן אויף זיין זון, "טראכט נישט וועגן אזא נארישקייט. לייג זיך נישט אריין אין אזא סכנה אז מען זאל אפשניידן דיין בארד און פאות און שטעל זיך נישט פאר אז דאס וועט דיך רייך מאכן. אנשטאט דעם, נעם א סידור אין האנט און זאג די ברכת המזון פון סידור מיט כוונה, אזוי וועסטו ווערן זייער רייך."

מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט, "עס קלינגט מיר נאך די ווערטער אין אויער, 'בענטשן אינעווייניג אין א סידור איז א סגולה פאר רייכקייט.'"

און אזוי האט זיך מוהרא"ש זי"ע געפירט זיין גאנץ לעבן.

איינמאל איז מוהרא"ש געווען ביי א משפחה שמחה און מען האט אים מכבד געווען צו בענטשן. אבער מוהרא"ש האט נישט געטראפן א בענטשער, דעריבער האט ער נישט געוואלט אנהייבן צו בענטשן. די מענטשן ביי די שבע ברכות האבן זיך אונטערגעלאכט. "אן עלטערער איד קען נישט בענטשן אויסנווייניג?"

אבער מוהרא"ש האט זיך קיינמאל נישט דערשראקן ווען מענטשן האבן געלאכט. ער האט געווארט צו טרעפן א בענטשער. איינער פון די תלמידים פון מוהרא"ש איז דארט געווען און ער איז שנעל ארויסגעלאפן צו א דערנעבנדיגע שול וואו ער האט געטראפן א בענטשער, ער האט עס שנעל געברענגט פאר מוהרא"ש און נאר דעמאלטס האט מוהרא"ש אנגעהויבן צו בענטשן.

מוהרא"ש האט זוכה געווען צו דרוקן מיליאנען ספרים פונעם רבי'ן, וואס דאס האט געקאסט זייער אסאך געלט. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז בענטשן אין א בענטשער ברענגט רייכקייט.

## אמונת חכמים

דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט אז דאס וואס די אונגארישע אידן האבן געזען מער מופתים (נסים) איז געווען צוליב דעם וואס זיי האבן געגלייבט דערין.

דאס לערנט אונז אז אמונת חכמים, גלייבן אין צדיקים דאס אליינס ברענגט מופתים. אסאך מענטשן האבן געזען אפענע נסים ביי מוהרא"ש, ווייל זיי האבן געגלייבט אין די כח פון א צדיק.

א איד פון יבנאל דערציילט:

איך האב אמאל דערציילט פאר מוהרא"ש אז דער דאקטער האט מיר געזאגט: "דו ביסט אזוי ווי א שטיק האלץ! פונקט ווי א האלץ קען נישט האבן קינדער, אזוי קענסטו אויך נישט האבן קיין קינדער!"

מוהרא"ש האט מיר אבער זייער מחזק געווען אז דער דאקטער געבט נישט קיין קינדער, נאר דער אייבערשטער געבט קינדער, און מוהרא"ש זי"ע האט אונז געוואונטשן אז מיר וועלן יא האבן קינדער.

בזכות כח הצדיק האב איך ב"ה היינט א "דרילינג" - א מיידל מיט צוויי אינגלעך!

...

א פארפאלק וואס האט ליידער נישט געהאט קיין קינדער פאר א לאנגע צייט, זענען געקומען צו מוהרא"ש בעטן א ברכה.

מוהרא"ש האט זיי געפרעגט, "אפשר איז דא ביי ענקער הויז א פרוכט בוים?"

"יא, מיר האבן א פרוכט בוים," האבן זיי געענטפערט.

די מעשה האט פאסירט סוף חודש אדר. אין חודש ניסן איז דא א ספעציעלע מצוה צו מאכן א ברכה אויף א פרוכט בוים. האט מוהרא"ש זי"ע זיי געזאגט, "יעצט קומט חודש ניסן, וועל איך אי"ה קומען און מאכן די ברכה ביי ענקער בוים."

מוהרא"ש זי"ע איז טאקע געקומען מאכן די ברכה אויף זייער בוים.

ווען מוהרא"ש זי"ע האט זיך געגרייט ארויסצוגיין, האט ער זיי געזאגט, "די יאר האב איך גע'פועל'ט פאר ענק קינדער."

דאס פארפאלק האט געהאט א מיידל און דערנאך א אינגל!

דער הייליגער רבי זאגט אז זיין מקורב צו צדיקים איז זייער גוט פאר עבודת ה'. עס איז גוט בגשמיות און אוודאי ברוחניות.

מיר דארפן בעטן דעם באשעפער אז מיר זאלן אלעמאל לעבן מיט צדיקים וואס ווייזן אונז וויאזוי צו זיין ערליכע אידן, אזוי וועט אונז זיין גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

זאלן מיר זוכה זיין נאכצוגיין אין די וועגן פון אונזער הייליגן מנהיג מוהרא"ש זי"ע.

לאמיר אינזין האבן ביי יעדע גוטע פעולה: **לעילוי נשמת רבינו אליעזר שלמה בן מנחם זאב זצוק"ל.**

# קליין און שיין


יוסף פרידריך און חזקי הײלפרין


אליעזר שלמה יאקאבאוויטש


אליעזר שלמה אפפעל


אליעזר שלמה וועבערמאן


אליעזר שלמה טײטלבוים


אליעזר שלמה פיש
סרח בת אשר שפילט אויף א פידל


חיים בוים


יוסי פרידריך


צבי דוד הלוי איצקאוויטש


אליעזר שלמה שטײנבערג



הלכות שבת - בית פייגא וויליאמסבורג


הלכות שבת - בית פייגא וויליאמסבורג



הלכות שבת - בית פייגא וויליאמסבורג


חני לעווי


יוטי שטיינבערג


יוסי לונגער


מענדי יאקאבאוויטש


מענדי יאקאבאוויטש


משפחת כ"ץ


אליעזר שלמה שטיינבערג


משפחת פרידריך


תלמוד תורה קרית יואל

# טרעפליך

**טרעף די פֿאלגענדע בילדער 2 אדער 3 מאל**

















געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "ברויט מיט איגערקע'ס איז א גוטע מאכל"

## ברסלב'יע חידות

**דער הייליגער ר' נתן האט געזאגט: ווען איך ווייס שוין אלע עצות און אלע תחבולות ווי אזוי ניצול צו ווערן פונעם יצר הרע**

א. קען איך אים בייקומען

ב. נוץ איך זיינע עצות פאר עבודת השם

ג. קומט דער יצר הרע מיט א פרישע וועג וואס איך האב נישט געטראכט אז ער וועט קומען

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, און נישט סתם אן ערליכער איד, נאר אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד!

## געב א שמייכל

**וואס געשעט מיט א שניי מענטש'ס בארד ווען ער ווערט עלטער?**

Q,UALA UUQAL (UUXQAL)""

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה – חלק שני**

**י. מִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת עַצְמוֹ מִלַּעֲבֹר עַל "לֹא תַחְמֹד", עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִכַּעַס וְגַאֲוָה, וּמֵחֶסְרוֹן אֱמוּנָה הַבָּאָה עַל יְדֵי כַּעַס וְגַאֲוָה.**

וֶוער עֶס הִיט זִיךְ פוּן עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן "לֹא תַחְמֹד" (שְׁמוֹת כ', י"ג), עֶר גְלוּסְט נִישְׁט יֶענֶעמְ'ס זַאכְן, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן כַּעַס אוּן גַאֲוָה, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוּן זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס; אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיךְ גֶערַאטֶעוֶועט פוּן וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אִין אֱמוּנָה, וָואס דָאס קוּמְט דוּרְךְ כַּעַס אוּן גַאֲוָה.

# גפאלן

א מעשה פון תפלה




געמאלן: רבקה וועבערמאן תחי'

געמאלן: יודל קליין תחי' - צפת

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# בלאטל פארמאסט

1



אדי שטראססער

2



אדי שטיינבערג

3



ברכי בלעדי

4



חי וועבערמאן

5



גיטי

6



חי״לע קליטניק

7




חי׳ שטערן

8



יוטא וועבערמאן

9




מרדכי פאפנהיים

10



מ וויינבערגער

11




יוסי אינדיג

12



ליפא און נחמן נתן פאַרקאַש

13



משפחת פורסט

14



משפחת וועבערמאַן 136

15



משפחת סאַמעט

16



משפחת פערל

17



נחמן נתן וועבערמאַן
און משפחת שטיינבערג

18



נחמן און צערי פעלדמאַן

19




משפחת אינדיג 24

20



נחמן נתן רוטה

21



פ. פאַרקאַש

22



רבקה וועבערמאַן

23




פייגי שטערן

24



ריקי, אליעזר שלמה,
און שרה גיטי שניצלער

25




שמואל בירנבוים

26



רבקה וועבערמאן

27



רבקה וועבערמאן

28




פראדי שטערן

29



משפחת פרידריך

30



מ. וויינבערגער

31



משפחת פרידריך

שיקט אריין וועלכע נומער בילד איר גלייכט די מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט אויסדערוועלט ווערן אלץ דער געווינער פונעם

## "חמשה עשר פארמעסט"

מען קען שטימען ביז זונטאג יתרו 8:00 ביינאכט די נאמבער צו טעקסטן און צו רופן איז 18453791161+
אדער קען מען שיקן א אימעיל צו inderheim@bletelmagazine.com